NOV 30 1920

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען

VOLUME VII No 2831 Toronto, Monday November 15 1920 ד׳ כסליו פרשה ויצא תרפ״א. טאראנטא, מאנטאג, דער 15טער נאוועמבער, 1920 PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library 476 Fifth Ave.

NEW YORK PUBLIC LIBRARY ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

פאלשטענדיגע מפלה פון וראנגעל׳ס ארמיי

ראנגעל׳ס ארמיי פאלשטענדיג צושמעטערט און לויפט אין אונארדנונג

„ווייסע" ארמיי ליידט מורא׳דיגע פארלוסטען. — אלע גענעראלען דער־הרג׳עט אדער פארוואונדעט. — אלייאירטע זוכען צו ראטעווען די רעשטלאך.

אנסטאנטינאפאל, נאוועמבער, 14.

באראן וראנגעל האט געליטען א מורא׳דיגע מפלה וועלכע עלימינירט איהם פאלשטענדיג פון דעם קאמף געגען סאוויעטען רוסלאנד. זיין „ווייסע" ארמיי איז שוין אויף דער וועלט ניטא. עס זיי־ען נאר דא צובראכענע ציקלאפטע גרו־עס סאלדאטען וועלכע ציקלויפען זיך אין רויס אונארדנונג פאר די אנקומענדע יעגרייכע חילות פון סאוויעטען רוס־אנד.

דאס ווערט צוגעגעבען אין די היגע עדקוואדערס פון באראן וראנגעל.

פרעמיער קריוואשיין פון וראנגעל׳ס עגירונג איז אנגעקומען אהער צו ראנזשירען די טראנספארטירונג פון די רויען, קינדער און פארוואונדעטע פון די רים. ער ערקלערט אז די ארמיי קען ענגער ניט האלטען דעם האלב - אינזעל. אלע גענעראלען און דיוויזיאנס קאמאנדירען זיינען דער׳הרג׳עט אדער פארוואונדעט געווארען אין שלאכט.

וראנגעל מוז זיך אונטערגעבען אונקאנדיציאנעל

די באלשעוויקעס האבען געשיקט אן אולטימאטום צו גענעראל וראנגעל פא־דערענדיג די אונקאנדיציאנעלע אונטער־געבונג פון זיין „ווייסע" ארמיי.

וראנגעל׳ס חילות זיינען פאלשטענ־דיג צושמעטערט. די באלשעוויקעס האבען דורכגעבראכען אלע פארטיידיגונגס־ליניעס און די עוואקואירונג פון סעוואס־טאפאל, וראנגעל׳ס הויפט - קווארטיר, ווערט ערווארטעט יעדע מינוט.

מען לויפט שוין פון סעוואסטאפאל

לאנדאן, נאוועמבער, 14.

א דעפעשע צו דער עקסטשענדזש טע־לעגראף קא. פון קאנסטאנטינאפאל מעל־דעט אז די ענגלישע באאמטע רעקווירען שיפען איבערצונעהמען די אנטלאפענע פון סעוואסטאפאל אין דער טערקישער הויפט שטאדט.

אכציג טויזענט פערזאנען אין סע־וואסטאפאל זוכען צו אנטלויפען פון דארט. די צאהל פון די שיפען איז באשרענקט און עס איז מעגליך אז מעהר פון צוואנציג טויזענט וועט מען ניט קענען איבערנעהמען.

די גרעסטע צאהל פון די „לויפער" זיינען געוועזענע יחסנים פון צארישען רעזשים, אפיצערען, פריצים און קאפי־טאליסטען וועלכע האבען געהאפט אז וראנגעל וועט זיי אומקעהרען צו זייער אמאליגער גרויסקייט. איצט האבען זיי דעם זעלבען סוף וואס זייערע ברידער אין די צייטען פון דעניקין.

אמעריקאנער אימיגראנטען־פרע־סער גרייטען זיך צו דער ארבייט

וואשינגטאן, נאוועמבער, 14.

אלבערט דזשאנסאן, קאנגרעסמאן פון וואשינגטאן און פארזיצענדער פון דער אימיגראציאנס - קאמיטע, האט היינט ערקלערט דאס די קאמיטע וועט רעקאמענדירען אויף דער קומענדער סע־סיע פון קאנגרעס אז קיין אזעלכע אימיגראנטען זאלען אריינגעלאזען ווערען אין לאנד וועמענס נאהענטע קרובים זיי־נען בירגער.

הילפס־טוער מיט געלדער איז שוין אין ווילנא

א קייבעל צו דער דזשאינט דיסטרי־ביושאן קאמיטע פון איהר ווארשעווער אפיס מעלדעט:

ווארשא. — דער מיטגליעד פון יוניט דארפסמאן איז שוין אין ווילנא מיט פריוואטע געלד - זענדונגען און די אלגעמיינע הילפס - געלדער פאר אקטא־בער און נאוועמבער, וועלכע האבען ביז איצט נישט געקענט אהין צוגעשטעלט ווערען. ער האט אויך מיטגענומען די צעהן טויזענט דאלאר, וואס זענען באשטימט געווארען פאר רבי גראדזינסקי.

טאראנטא אין פלאמען!

אויף וויפיעל טאראנטא איז א טייל פון דער וועלט אויף אזוי פיעל וועט אינ־זער שטאדט זיין היינט אווענט אין פלא־מען ווען עס וועט אויפגעפיהרט ווערען אין נעשאנעל טעאטער די פיעסע „די וועלט אין פלאמען" פון דעם בארימטען אידיש־רוסישען שריפטשטעלער אסיפ דימאוו.

די פיעסע ווערט אויפגעפיהרט צום עהרען - אווענט פון דעם מענעדזשער פון טעאטער ה. וויכמאן, און דער מענע־דזשער פארזיכערט אז די אידישע טאראנ־טא וועט באמת זיין פלאמענדיג ענט - ציקט.

ידישע פיהרער קריגען פארזיכערונג אז די נאציאנען ליעג וועט זיך אננעהמען פאר אידען

(ספעציעלע קייבעל צום „אידישען זשורנאל".)

פאריז, נאוועמבער, 14, (א. ק. ב.) — אידישע פיהרער וועלכע זיינען איצט ין זשענעווא אין פארבינדונג מיט די זיצונגען פון דער נאציאנען ליעג זיינען ארזיכערט געווארען אז די ליעג וועט באשאפען די נויטיגע מאשינערי צו פאר־אנדלען וועגען די פארפאלגונגען און עקסעסען געגען אידען. אויך די פראגע ון אידישע מינאריטעטען - רעכט וועט באטראכט ווערען פון דער ליעג.

האבען חרטה

טשערנאוויטש, נאוועמבער, 14, (א. ק. ב.) — א באריכט פון בוקארעשט עלדעט אז דער בילדונגס־מיניסטעריום האט צוריקגעצויגען אלע קאנצעסיעס צו י אידישע שולעס וועלכע זיינען לעצטענס געמאכט געווארען דורך א קעניגליכען אפעהל.

די אידען פון ביקארעסט זיינען שטארק אויפגערעגט פון דער האנדלונג. די רומענישע רעגירונג האט אנגענומען שטרענגע מיטלען ארויסצוטרייבען י פרעמדע אידען פון בוקאווינא און זיבענבירגען.

פראטעסטירען געגען באגרענצונגען

דא, אין טשערנאוויטש, איז אפגעהאלטען געווארען א גרויסע פראזאמ־לונג פון אידישע סטודענטען אויף וועלכער עס איז שארף פראטעסטירט געווארען געגען די באגרענצונגען אין היגען אוניווערזיטעט און עס איז באשלאסען געווארען צו דערלאנגען א מעמאראנדום וועגען דעם צום בילדונגס - מיניסטער.

די אורזאכע פון דער אומצופרידענהייט פון די סטודענטען איז דאס, ואס סעמיטישע שפראכען ווערען אין אוניווערזיטעט ניט געלערענט, און די סטודענטען מוזען צאהלען עקסטרא דערפאר אין פריוואטע אוניווערזיטעטען.

אין מעמאראנדום ווערט געפאדערט אז א ספעציעלער דעפארטמענט פון עברעאיש און אידישע געשיכטע זאל געגרינדעט ווערען.

פראפעסאר אטמא ווארבורג קלייבט זיך אפצופאהרען קיין פאלעסטינע נפאנג דעצעמבער.

לעווין־עפשטיין קומט קיין אמעריקע

לאנדאן, נאוועמבער, 14, (א. ק. ב.) — דער באקאנטער ציוניסטישער יהרער, לעווין־עפשטיין איז היינט אפגעפאהרען מיט׳ן שיף „רינדאם" קיין יו־יארק. זיין איצטיגער באזוך קיין אמעריקע איז אין פארבינדונג מיט דער רגאניזאציע פון אויפבויען היזער אין ארץ ישראל. ער פיהרט אויך מיט זיך א מאסע קונסטווערק פון דער ירושלים׳ער קונסט־שול „בצלאל".

אדוויזארי קאונסיל פאדערט גוטע גרענעצען פאר ארץ ישראל

הערבערט סעמיועל׳ס אדוויזארי קאונסיל האט אויף דער צווייטער זיצונג נגענומען פאלגענדע רעזאלוציע:

מיר, פארשטעהער פון דער גאנצער פאלעסטינער באפעלקערונג פארי־אנגען איינשטימיג, אז די גרענעצען פון ארץ ישראל זאלען איינשליסען דעם טיך ליטאני און די גאנצע טעריטאריע ארום דעם ירדן. מיר פארלאנגען אז דער ייקאמיסיאנער זאל אננעהמען אלע נויטיגע שריט צו פארווירקליכען עס.

ענגלישער שריפטשטעלער לויבט טראצקי׳ן

דער בארימטער ענגלישער נאוועלען - שרייבער וועלס, וועלכער איז ניט אנג צוריק געקומען פון סאוויעטען - רוסלאנד לויבט זעהר שטארק אין אר־יקעל אין „עקספרעס" טראצקי׳ן וועלכער האט ארגאניזירט די רויטע ארמיי און דערמיט פארזיכערט די ארדנונג אין לאנד.

וועלס שרייבט ווייטער אז די אידען שפילען א גרויסע ראליע אין דעם באל־שעוויזים און דאס איז דערפאר, ווייל זיי זיינען קנאפע אידען. ער ערקלעהרט ויך אז די אפיציעלע שטעלונג פון דער סאוויעטען רעגירונג צו העברעאיש יז ווי צו א רעאקציאנערע שפראך.

פון קאנסטאנטינאפאל קומט די ידיעה אז גענעראל וראנגעל האט פראק־אמירט קריגס־צושטאנד איבער דעם גאנצען קרימער האלב־אינזעל.

די „לאנדאן טיימס" מעלדעט, אז ביי די לעצטע וואהלען אין סאלאניקי [illegible] פאר אידען, גרעקען און טערקען.

פאראייניגט אדער באזונדער—הויפט פראגע ביי דער קאנווענשאן

היציגע דעבאטע געהט אן וועגען דעם ביי דעם פיפעלס רעליף צוזאמענפאר

(ספעציעל צום „אידישען זשורנאל".)

פילאדעלפיע, נאוועמבער, 14.

שבת אינם א זונטאג נאכמיטאג איז דא ערעפענט געווארען די קאנווענשאן פון דער „פיפעלס רעליף" און גלייך ביי דער ערשטער זיצונג האט זיך ארויסגע־וויזען אז די הויפט פראגע ביי דער קאנ־ווענשאן איז, צו בלייבען אויף ווייטער פאראייניגט מיט דער „דזשאינט דיסטרי־ביושאן קאמיטע" אדער געהן באזונדער.

אלעקסאנדער קאהן, דער פארזי־צענדער פון דער „פיפעלס רעליף" האט ערעפענענדיג די קאנווענשאן ערקלעהרט אז די אורזאכע ווארום דער צוזאמענ־פאהר איז גערופען געווארען איז קלאהר צו ווערען וועגען די באציהונגען מיט דער „דזשאינט".

ביי דער ערשטער זיצונג האט ב. צוקערמאן אפגעגעבען א פינאנציעלען באריכט, און מיט דעם האט זיך די זי־צונג געשלאסען.

ביי דער אווענט־זיצונג, געהאלטען אינטער׳ן פארזיץ פון מאקס פיין האט די קרעדענשעל קאמיטע באריכטעט אז עס זענען פארטראטען צוויי הונדערט און אכט און דרייסיג דעלעגאטען, וועלכע פארטרעטען זעקס און צוואנציג ארגאני־זאציעס און פערציג ברענטשעס.

ב. צוקערמאן האט נאכדעם אין א לענגערער רעדע ערקלעהרט, אז מען מוז זיך אפרייסען, כדי צו קענען אנפיהרען רעקאנסטרוקציאנס, און קולטורעלע אר־בייט. ער האט אויך איבערגעגעבען אז דער וואונש פון די אייראפייאישע אר־בייטער איז, אז די הילף זאל זיי געגע־בען ווערען דירעקט אנשטאט דורך די בורזשואזע קאמיטעס.

אלעקסאנדער קאהן האט געענטפערט אויף צוקערמאן׳ס ארגומענטען און רע־קאמענדירט צו ארבייטען צוזאמען מיט דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, און זעהען אז די לעצטע זאל אייסגעבע־סערט ווערען.

עס האבען אויך גערעדט צוקער, וועלכער האט פארטיידיגט זייגעס אן אר־טיקעל, וועלכען ער האט געהאט אין „פארווערטס", מ. וויטבער, שלום איש און מ. שיפליאקאוו.

די דעבאטע וועגען דער פראגע איז ווידער פארגעזעצט געווארען אויף דער זונטאג׳דיגער מארגען־זיצונג ביי וועלכער עס איז געוועזען טשערמאן ב. וולארסק.

קאנסטרוקטיווע הילף מעגליך נאר אין קאנגרעס פוילען—מעלדעט דר. באגען

(ספעציעל צום „אידישען זשורנאל".)

פון דר. ב. באגען האט די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע געקראגען די פאלגענדע קייבעל:

ווארשא, נאוועמבער, 7. — א גרויסע רעקאנסטרוקטיווע הילפס - ארבייט קען ביי היינטיגען טאג אנגעפאנגען ווערען בלויז אין קאנגרעס - פוילען. אבער די באדינגונגען אין אנדערע געגענדען פון פוילען זענען צו שרעקליך פאר אזא שריט. די לאגע אויף דער טעריטאריע אין מזרח־זייט פון טייך בוג און אין גאליציען איז פיעל ערגער, ווי זי איז גע־וועזען מיט א יאהר צוריק. פארקלענערען דארטען די אלגעמיינע הילף ביי היינטי־גן טאג, מיינט ברענגען א נייעם אומ־גליק און עס איז לעכערליך צו רעדען איצט וועגען קאנסטרוקטיווער הילף פון דער גאנצער טעריטאריע.

ה. דווארקין ארעסטירט אין ווארשע

היגער אפיס פון דווארקין ברידער ווייסט נאך ניט קיינע איינצעלהייטען

לעצטען מאנטאג איז פון א פריוואַ־טער קוועלע אנגעקומען אין „זשורנאל" א ידיעה, אז ה. דווארקין איז ארעס־טירט אין ווארשע. אזוי ווי די קוועלע איז אבער ניט געוועזען קיין גאנץ רא־יעלע האבען מיר דארום דער זאך ניט געשאנקען קיין אויפמערקזאמקייט.

נעכטען אבער, ווען מיר האבען באַ־מערקט אין דער ניו־יארקער „צייט" א נייעס אין דער פארמע פון א בערלינער טעלעגראמע, אז ה. דווארקין איז ארעס־טירט אין צוזאמענהאנג מיט זיין עמיג־ראציאנס טעטיגקייט — האבען מיר גע־מאכט אן אנפראגע ביים הויפט פון דער פירמע, באריס דווארקין.

מר. באריס דווארקין האט פאר אונזער פארטרעטער ערקלעהרט, אז ער ווייסט ניט קיינע איינצעלהייטען. זייער פארטרעטער פון ווארשע קייבעלט איהם אבער, אז זיי דארפען זיך גאר ניט זאר־גען, און אז ער שיקט איהם אויך ארויס אלע דעטאלען וועגען דער געשיכטע.

באריס דווארקין האט פאר אונזער ארטרעטער אויך אויסגעדריקט די מיי־נונג, אז דא איז באגאנגען געווארען גע־גען זיין ברודער א שווינדעל און א פאר־שווערונג, וועלכער שטאמט זיכער פון זייערע שונאים, וואס ווילען זיי באקעמ־פען מיט אלע מיטלען.

לויט זיין ערקלעהרונג, טוט ניט מר. ה. דווארקין קיין זאך אין פוילען, וואס זאל זיין פון אן אונגעזעצליכען כא־ראקטער, און אז זייער פירמע ווערט אין אייראפא רעספעקטירט פון אלעמען, און זיי האבען אלעמענס צוטרויע.

מרס. דווארקין וועלכע איז יעצט אין אייראפא האט אויך געקייבעלט ווע־[illegible]

הילפס דירעקטארען פון אלע מלחמה לענדער אויף א קאנפערענץ

(ספעציעל צום „אידישען זשורנאל")

פון לייטענאנט דזשיימס בעקער, דעם הויפט פון פאריזער אפיס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, וועל־כער געפינט זיך איצט אין וויען צו דער פארשטעהענדער הילפס - קאנפערענץ, האט די קאמיטע געקראגען פאלגענדע קייבעל:

וויען, נאוועמבער, 8. — פון די דעפעשען, וואס מיר האבען ביז איצט באקומען, ווייזט זיך ארויס, אז אויף אונזער קאנפערענץ אין וויען צו פער־האנדלען די פראגראם פון דער ווייטער־דיגער הילפס־טעטיגקייט, וועלען זיין פערטראטען אלע אונזערע דירעקטארען [illegible] הויפט - בוכהאלטער שווייצער פון פוי־לען. דר. פייזער, דער הויפט איבער דער ארבייט פאר קינדער - פארזארגונג, דר. בערנארד קאהן פון בערלין; אלעק־סאנדער לאנדעסקא, דער דירעקטאר פאר רומעניען; יוליוס סאזוויצקי פון קאנ־סטאנטינאפאל, פאלעגי — פון אונגארן, לעא וועקסלער — פון וויען, דר. דע סאלא פול — פון ארץ ישראל, און רו־בינשטיין — פון לאטוויא. אויסער דעם וועלען זיך אין דעם קאנפערענץ באטיי־ליגען מרס. טראטער, די דירעקטארין פון דעפארטמענט פאר געלד - זענדונגען אין ניו־יארק, קעפטיין גרעי, דער איינ־[illegible]

גרויסע פאלקס־לויה נאך דעם שריפטשטעלער ש. אנסקי

(ספעציעלע קייבעל צום „אידישען זשורנאל".)

דאנציג, נאוועמבער, 14. (א. ק. ב.) — פון ווארשע ווערט טעלעגראפירט אז די גאנצע אידישע באפעלקערונג האט זיך באטייליגט אין דער לויה פון פאר־שטארבענעם שריפטשטעלער און פאלקס־טוער שלמה ראפאפארט (ש. אנסקי).

טויזענטער מענשען זיינען געווען אין דער טרויער־פראצעסיע, 49 באנערס מיט פאסיגע אויפשריפטען זיינען געטראגען געווארען און 79 דעלעגאציעס פון פארשידענע ארגאניזאציעס זיינען געווען פארטראטען.

אויפ׳ן פארלאנג פון פארשטארבענעם זיינען קיינע רעדעס ביים קבר ניט געהאלטען געווארען, בלויז אין שריפטשטעלער, אלטער קאציזנע, האט אין קורצען באלויכטען די פיעל־זייטיגע קאריערע פון׳ם נפטר.

א וואך פון אידישע ארבייטער האט אפגעהיט אז די ארדנונג זאל ניט געשטערט ווערען.

אידען זיינען אליין שולדיג

פון מינסק ווערט אהער געמאלדען אז א דעלעגאציע פון אידישע פיהרער האט אפעלירט צו באלאכאוויטשען און סאווינקאווען אפצושטעלען די פאגראמען.

באלאכאוויטש האט אין זיין ענטפער בלאמירט די אידען פאר די פאג־ראמען מאכענדיג זיי פארווירפע אין אומפריינדליכקייט, אבער, צולעצט האט ער פארשפראכען אנצונעהמען, מיטלען געגען די פאגראמען. זיינע באנדעס באציהען זיך אבער צו די אידען נאך אלץ מיט דער זעלבער ווילדקייט.

אין רובעל, א קליינע שטעדטעל נעבען מאזיר, האבען באלאכאוויטש׳עס סאלדאטען־כוליגאנעס געמאכט א פאגראם און וועלכען די פאלגענדע אידען זיינען דער׳הרג׳עט געווארען: — חיים קאגאן, לייב באקאוו, מענדעל גאבאטשוק, נחום שטאלמאן, שלום רעוועל, מיטה מאפקין און אהרן בוגין. א סך פרויען זיינען אטאקירט געווארען. די גאנצע באפעלקערונג איז אנטלאפען אין די וועלדער און שטארבען איצט אויס פון הונגער און קעלט.

קיין ווארשע זיינען אנגעקומען פארשטעהער פון די אידישע געמיינדעס פון בריסק, קאברין און פאנג מיט באריכטען וועגען פאגראמען פון די באלאכאוויטש׳עס באנדעס. זיי וועלען די באריכטען פארלייגען פאר דער רעגירונג.

פראטעסטירט געגען די פארפאלגונגען אויף די ווילנער אידען

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון פוילישען סיים האט דער דעפוטאט הירש־האָרן פראטעסטירט געגען די רציחות וואס געלגאוסקי׳ס מיליטער באגעהט געגען די ווילנער אידען.

ער האט אויך געפאדערט דעם סיים אז דער פלעביסציט אין ווילנא וועט ניט האבען קיין ממשות אהן די אידישע שטימען.

וועלען פאדערען די באפרייאונג פון די פוילישע באלשעוויקעס

מיר ווערען געוואהר פון זיכערע קוועלען אז אויף דער ריגער קאנפערענץ וועלכע דארף זיך פארזאמלען קומענדע וואך, וועט די סאוויעטען־דעלעגאציע פא־דערען די באפרייאונג פון צוויי טויזענט ארעסטירטע באלשעוויקעס און זייער פרייען אריינפאהר קיין רוסלאנד.

א בלוטיגער שפאס

וויען, נאוועמבער, 14, (א. ק. ב.) — א באריכט וועלכער איז אהער אנגעקומען גיט איבער, אז נאך דעם בלוטיגען פאגראם אין פראסקוראוו און [illegible] עס זיינען אומגעקומען פינף טויזענט קרבנות האט דער אטאמאן סע־מעסענקא ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג דאס די אידען זיינען לאיאל און אז די וועלכע וועלען מאכען פריישע פאגראמען וועלען באשטראפט ווערען מיט׳ן טויט.

די לעצטע באריכטען פון אוקראינע לויטען אז באלאכאוויטש האט פאר־נומען כמעט גאנץ פאדאליען. דער אטאמאן שריק געוועלטיגט אין אומאן און פעטליורא האט פארנומען ווינניצא. שלאכטען זיינען פארגעקומען אין דער געגענד פון פראסקוראוו און קאראסטין.

אין זיין ערשטער רעדע האט דער נייערוועהלטער עסטרייכישער פרעזי־דענט ערקלעהרט א זעטרייך דארף פארקניפען אינטימערע באציהונגען מיט די אונגארישע סאציאליסטען.

אוקראינער פליכטלינגע אין שרעקליכער נויט

פון קישינעוו ווערט אהער געמאלדען אז די מאסען אוקראינער פליכט־לינגע וועלכע זיינען אהין צוזאמענגעלאפען זיינען אין א שרעקליכער לאגע. די רעליף קאמיטע מוז האבען ווייניגסטענס צוויי הונדערט טויזענט לו יעדען מאנאט און זי האט ניט קיין פעני.

דער באקאנטער בעל־טוער בערנשטיין־קאהן איז אויפגעפאדערט געווארען צו פאהרען קיין אמעריקא זאמלען געלט. ער האט עס איינגעוויליגט צו טאן אבער אויפ׳ן באדינג אז די רומענישע אידען זאלען גלייך צוזאמענקלייבען א באדייטענדע סומע.

רעגירונג וויל אידען זאלען זיך באזעצען אין בראזיליען

די אידישע - אוקראינער קאמיטע האט געקראגען אן אפיציעלען אנבאט פון דער בראזיליער רעגירונג צו באזעצען אין בראזיליען 2,500 אידישע פאמי־ליעס. די קאמיטע האט דעם אנבאט אנגענומען און שיקט ארויס עקספערטען צו אונטערזוכען דעם באדען.

סעמיועל גיט ארויס רעגולאציעס וועגען הלוואות פון באנקען

לאנדאן, נאוועמבער, 14, (א. ק. ב.) — אונזער ירושלים׳ער קארעספאנ־דענט מעלדעט אז סעמיועל האט ארויסגעגעבען רעגולאציעס וועגען הלוואות פון קרעדיט - באנקען. די באנקען וועלען ניט קענען געבען מעהר פון פינף טויזענד פונט יעדעריך צו קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס. יחידים קענען אויך קריגען הלוואות פון די באנקען. א ספעציעלער געריכט וועט שליכטען אלע געלט־צווייס־טיגקייטען.

דער באקאנטער מיליאנער און העברעאישער פארלעגער שטיבעל האט אוועקגעשענקט דער נאציאנאלער ביבליאטעק אין ירושלים 194 ביכער.

די אידען פון פאלעסטינע ערווארטען אז דעם קומענדען פריהלינג וועלען מאסען טוריסטען באזוכען דאס לאנד.

פראנקרייך וויל נאך אליין ארץ ישראל פאר זיך

פון יפו ווערט געמאלדען אז די פאלעסטינער פרעסע איז פול מיט בא־ריכטען וועגען אן אנטי־בריטישע און אנטי־ציוניסטישע אגיטאציע פון פראנצו־זישע אגיטאטארען אין דמשק. די דמשק׳ער פרעסע באאיינפלוסט [illegible]

די חסידישע מאכטער

און אריגינעלער ראמאן אוים דעם פויליש - חסידיש - אידישען לעבען

ספעציעל געשריבען פאר'ן „אידישען זשורנאל"

פון י. ב—ם

(94-טע פארזעצונג)

ביי ר' איטשען אין הויז האט מען נאכ'ן אפפאהר פון די מחותנים זיך גענומען פארברייטען צו תנאים.

די פרייד פון שיינדעלעס עלטערן, נאכדעם ווי זיי האבען זיך דערוואוסט אז די כלה איז געפעהלען, איז געוועזען אן אויסערגעוועהנליכע.

ר' איטשעס מחותן איז באוואוסט געוועזען אלס א גרויסער חסיד, און א גרויסער גביר. געשטאנען אין פארבינדונגען מיט פיעלע סוחרים. זיין געשעפט איז באקאנט געוועזען דורך זיין ערליכקייט איבעראל, און קיין גרעסער גליק האט זיך ר'איטשען קיינמאל ניט געקענט פארשטעלען.

אזוי אבער ווי מען איז נאך ניט געהאט געקומען צו קיין אויסגלייך וועגען נדן, קעסט און מתנות, האט מען צום ערשט באשטימט א טאג, ווען מען האט אלעס אויסצוגלייכען, קומען צו אן איינשטימיגען באשלוס, און נאכהער עפעס אויסזוכען א טאג ווען תנאים צו שרייבען.

אז די תנאים אבער אזלען פארקומען ביים רבין זאל לעבען, אויף דעם זיינען ביידע צדדים געוועזען איינשטימיג. עקשטענס דערפאר וואס דער רבי זאל לעבען איז געוועזען דער ערשטער א וואינק צו טון וועגען אט דעם שידוך, צווייטענס ביים רבין וועט זיין אביסעל היימליכער און עס וועט שמ'ן ווייט ברייט צווישען די חסידים וועגען די תנאים.

ביידע מחותנים האבען זיך דורך געשריבען, באשטימט א טאג, ווען צו פארענדיגען דעם האנדעל צווישען די קינדער, וואו איינצולייגען דעם נדן, ווען צו קויפען מתנות, און נאכדעם ווי אלע קליינינגקייטען זיינען אויסגעגליכען געווארען האט מען באשטימט דעם תנאים טאג אין דער חנוכה וואך.

שיינדעלעס מוטער איז געוועזען וועלטען אויפגעלייגט. זי האט גאר ניט געוואוסט, וואס צו טון פאר פרייד, ווי אזוי ארויסצוזאגען איהר שמחה, דערמאנענד וואס האט איהר געהאלפען צו דערלעבען אזוי פיעל נחת. די גאנצע משפחה האט זיך ארומגעדרעהט ארום דעם הויז, געדערט וועגען דעם שידוך, און געשמאלצען זיך פון תענוג.

אבער ווי א פינסטערער וואלקען וואלט זיך פון הימעל ארונטערגעלאזען, איינגעהילט דאס גליק אין זיך, און עס פארשטעלט פאר די וועלכע ווילען געניסען דערפון. אזוי האט פלוצלינג, ניט וויסענדיג ווער עס איז דער ערשטער געוועזען, גענומען זיך פארשפרייטען די גייעס, אז שיינדעלע, די חסידישע מאכטער וויל ניט דעם חתן, וויל זיך ניט פארלאזען אויף די עלטערנס מבינות נאר זי וויל זעלבסט ריידען מיט איהם, און זאגען א דעה צי ער איז פאסיג פאר איהר אדער ניט.

פון שיינדעלעס מויל האט עס קיינער ניט געהערט, שיינדעלע האט ניט ארויסגעזאגט דעם מינדעסטען פארדאכט אז זי איז ניט צופריעדען, אז אינווענדיג אין הארצען ביי איהר, ווינשט זי זיך אז זי זאל די תנאים ניט דערלעבען. אז עפעס שרעקליכעס זאל פאסירען מיט איהר וואס זאל מאכען א סוף צו איהרע ליידען, אבער ווי אן אונבעוואוסטע קראפט וואלט די ווערטער געטריבען, אזוי האבען זיי זיך בליץ שנעל פארשפרייט איבערן שטעדטעל און געווארען די גייעס פון אלעמען.

פאר שיינדעלעס עלטערן האט מען זיך געהיט דאס צו דערצעהלען. מען האט זיי ניט געוואלט פארשטערען די שמחה, רויבען ביי זיי דאס פארגעניגען. אבער ניט לאנג האט מען עס געקענט פאר זיי אויסהיטען, און שיינדעלעס מוטער איז געוועזען די ערשטע זיך דאס צו דערוויסען.

איהר נעהמט מיט שיינדעלען צו די תנאים — האט ניט וויסענדיג פון קיין זאך חיה'ס מוטער געפרעגט שיינדעלעס מוטער, — ווען יענע האט געפרעגעלט דאס איינגעמאכטס און פארזוכט אלע ווײלע דעם שפיץ לעפעל, אויב עס איז שוין פארטיג.

וואס האט איהר געפרעגט ? האט שיינדעלעס מוטער זי אנגעקוקט.

נו, יא ! וואס בייזע ציינגער קענען זיך פארגינען, האט חיה'ס מוטער גלייך גענומען פארדרעהען איהר פראגע, זעהענדיג וואוהין זי איז פארקראכען. א שטיקעל גליק פארגינט מען ניט ביי אונז. קוים זעהט מען א שטיקעל פרייד ביי יענעם, אזוי טראכט מען גלייך אוים עפעס צו צושטערען די שמחה, האט זי פרובירט זיך ארויסצודרעהען פון די אונאנגענעהמע בליקען וואס מרים האט אויף איהר געווארפען.

וואס רעדט איהר ? האט שיינדעלעס מוטער שוין נייגעריג געפרעגט.

עך — גאר ניט. ווייס איך וואס בייזע ציינגער. ניט פארגינער, אייערע שונאים האבען דארט עפעס אויסגעטראכט, איך האב באלד געוואוסט אז עס איז א ליגען, אז אייער שיינדעלע איז א כשר עהרליך קינד, הלואי מיין חיה געזאגט געווארען.

וואס רעדט איהר ? פון וועמען רעדט איהר ? און וואס זאגט מען ? האט מרים גענומען צאפלען פאר שרעק. ארויסגעלאזען דעם לעפעל פון האנט, און זי אונכשרגעהאקט זיך אוועקגעזעצט אויף א בענקעל.

וואס ! איהר האט גאר ניט געהערט ? האט חיה'ס מוטער איבערגעפרעגט. נו, יא! גארניט. שרעקט זיך ניט. איך האב גלייך געוואוסט אז איהר ווייסט ניט, אז עס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, וואס מענשען קען איינפאלען, מען האט ניט וואס צו טון. מען זעהט ביי יענעם א שטיקעל פרייד, אביסעל נחת, קריכען די אויגען פון קאפ ארויס.

אבער, זאגט מיר וואס איז דאס אזעלכעס וואס איהר האט געהערט, האט מרים מיט צישראקענע בליקען זי אנגעקוקט.

וואס איך האב געהערט ? איך ? האב איך דען אזעלכעס געהערט ? אלע האבען געהערט אלע ווייסען דערפון, איבעראל רעדט מען דאך, נעכטען אין יאטקע, האט ביילע דערצעהלט, ווי זי האט געזעהן שיינדעלען א פארוויינטע, א טרויעריגע, א צוטראגענע, ווי זי האט געהערט פון חיים דעם שוסטער אז . . .

וואס! האט מרים א געשריי געטון. שיינדעלע ! מיט חיים שוסטער ?

(ווערט פארגעזעצט)

וויכטיגע קייבעל פון אידישען נאציאנאל ראט אין קאוונא

פון איהר אפים אין פאריז האט דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע די טעג באקומען פאלגענדע קייבעל :

פאריז. נאוועמבער 5.

מיר האבען געקראגען א טעלעגראמע פון אידישען נאציאנאל-ראט אין קאוונא וועלכער מעלדעט, אז די ארבייטער האבען באקומען דעם ערשטען גרויסען טראנספארט פון קליידער. די קליידער ווערען פארטיילט בלויז צווישען די קינדער פון שולען וואס שטעהען אונטער דער אויפזיכט פון ארבייטער קאמיטעט. קיינע קינדער פון אנדערע שולען קריגען דערפון גארנישט.

ווי מיר האבען זיך דערוואוסט — טעלעגראפירט ווייטער דער אידישער נאציאנאל ראט — זיינען די קליידער געשיקט געווארען פון דעם פיפעלס רעליעף אין אמעריקא. דאס האט ארויסגערופען אויפרעגונג צווישען דער אידישער באפעלקערונג, ווייל די מעהרהייט פון די וואס געהען ארום אהן קליידער זיינען גראד ניט קיין ארבייטער און זיי קענען דערפון גארנישט קריגען.

דער אידישער נאציאנאל ראט ענדיגט זיין טעלעגראמע מיט דער בקשה, אז מען זאל זעהן פון אמעריקא מאכען א טאלק אין דער מיספארשטענדניש.

צו דער זעלבער צייט האט די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע געקריגען א קייבעל פון איהר פארטרעטער אין קאוונא, וועלכער מעלדעט :

די לאגע פון די פליכטלינגע איז נאך אלץ זעהר ערנסט. אלעס מעגליכעס ווערט געטון פאר זיי. דער נאציאנאל-ראט האט געגעבען דעם ארבייטער הילף קאמיטעט 20 טויזענד מארק אויף קיבען. לויט דער פאדערונג פון קאמיטעט האב איך זיי געגעבען נאך 50 טויזענד מארק. איצט צוליעב דער לאגע מיט די פליכטלינגע ווערט דעם ארבייטער הילפס קאמיטעט ארויסגעגעבען נאך 50 טויזענד מארק.

MAZOLA
A PURE SALAD

איטאליענער
וועלכע ווייסען
וואס איז אליוו
אויל ציהען פאר

MAZOLA

איך קאן ניט געהן

שטארקע קאפ - שמערצען צושטערען א סך ערווארטעטע פארגעניגענס.

ווען דער לעבער ווערט פארנאכלעסיגט, ווערען די מאגען - קראנקהייטען כראניש, און פאסירען יעדע צווייטע דריטע וואכען מיט שטארקע קאפ - שמערצען.

פארוואס ניט זעהען צו באפרייען זיך פון די צרות געברויכענדיג דר. טשייס'עס „קידני - ליווער פילס" צו אויסבעסערען דעם געזונט און די ריכטיגע פונקציאנירונג פון דעם לעבער.

פארשטאפונג, אומפארדייאונג, רומען און קאפ - וועהטאג, שלעכטע ניערען — אלעס פארשווינדט ווען מען נוצט די באריהמטע מעדיצין.

איין פיל איז א דאזע. 25 סענט א באקס. ביי אלע דיעלערס אדער עדמאנסאן, בייטס און קא. לימיטעד, טאראנטא.

Dr. Chase's Nerve Food

צו פארענטען א שעהנעם פלעט איבער'ן אפים פון „אידישען זשורנאל". — פאסיג פאר אן אפים אדער פאר עהנליכע צוועקען. נאכפרעגען אין „זשורנאל" אפים.

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט

341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720

נים אכטונג אויף דער גרויסער עלעקטרישער שילד.

ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען.

אפען אין אווענט.

דר. ס. פיווניק

דענטיסט.

שמערצלאזע עקסטרעקשאן פון ציינער

קאר. קווין און ספאדיינע עוו. רום 2
טעלעפאן ארעלייה 4067.

דאקטאר
יוליוס לעווין

דענטיסט

אפים : 283 קווין [illegible]
ספעדיינע עוו.
יענע) אפאינטמענטס [illegible]
קאלעדזש 788

טעלעפאן ארעלייה 5615.

דר. ס. סייטס

דענטיסט.

218½ קווין וועסט
(קאר. מיקאל סטריט.)

טאראנטא.

דר. ב. לאנדוי

דענטיסט

אפים

דאנדעס קאר. ספעדיינע
קאלעדזש 6073

פארהיט אייערע אויגען

אין די קאלטע ווינטערן וועט איהר וועלען זיצען אין הויז, דערפאר דארפט איהר אייך פארזארגען מיט באקוועמע אויגען גלעזער צום לעזען. אויגען ווערען זעהר פארזיכטיג עקזאמינירט, און גלעזער ווערען פארקויפט פאר זעהר מעסיגע פרייזען. גלעזער צום לעזען פון $3.50 און העכער. פאטראניזירט דעם איינציגען אידישען אדווערטייזטען אפטאמעטריסט אין שטאדט.

Dr. LOUIS WINKLER
Registered Optometrist and Optician
390½ Yonge St. Ad. 5671
With N. Jacobs' Jewelers



דיאמאנטען

פאר מזומן אדער אויף קרעדיט. זייט זיכער צו זעהן אונזער אויסוואהל פון דימאנטען. מיר גאראנטירען צו פארשפארען אייך געלט.

דזשייקאבס בראדערס
15 טאראנטא ארקייד.

יעקב ס. בענעט

(פון בענעט און [illegible])

באריסטערס, סאליסיטערס, נאטאריעס א. ז. וו.

2801 דאנדעס סטר. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 3077
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 983.

וועגען ראיעלסטע און בעסטע אויסקינפטען פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו :

פ. ליוואי

ספעשעל לייף אינשורענס אגענט

P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8181

צו פערענטען

א פלעט פון 3 אדער 4 רומס צו פארענטען סעפערעט גאז מיט אלע קאנוויניענס. 26 קעמעראן סט.
619—11—15)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס באזונדער גאז סינק אין קיטשען, עלעקטריק פיקטשורס אין בליינדס, צו אן קאפעל. אין 74 בראנדוויק עווענױ. נאכפרעגען 113 דיארסי סטריט.
573—11—15

צו פארענטען א גראפעלטע פוירנישט רום גוט פאר צוויי יונגע לייט. נאכפרעגען 575 באטהורסט סטריט
3597—11—15)

געפארנישט רומס צו פארענטען, אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 391 מארקהעם סטריט.
629—11—15

צו פארענטען א הויז אויף 98 אקספארד סטריט, זיבען רומס אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 351 יאנג סט. מען קען גלייך אריינמופען.
636—11—16

א פלעט צו פארענטען 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס 208 ראבערט סט.
638—11—15

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט גאז, עלעקטריק און אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 43 גרענדזיש עוועניו
632—11—16

מיידעל פארלאנגט צו הויז ארבייט קליינע פאמיליע גוט באצאהלט. נאכפרעגען מיסעס רזיש, דוכי 69 באלדווין סטריט.
634—11—19

צו פארענטען 3 רומס מיט עלעקטריק און אלע קאנוויניענס 71 וואלטאן סטריט ביליג רענט און אויך צו פארקייפען א דזשאב לאט פון דריי גודס.
13646—11—16

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען באזונדערער מיטער. פאסיג פאר א קליינע פאמיליע. 43 סט. פעטריק געוועזען ויליאם סטריט.
3650—11—17)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען זיך 163 באלדען סטריט.
962—11—16)

א שאפ צו פארענטען אדער צו פארקויפען מיט אלע איינריכטונגען פאר א שניידער שאפ. נאכפרעגען ביים טעלעפאן הילק. 7180.
961—11—16)

אהבייסטה פערלאנגט

אן עקספירענסט סיילסמאן פארלאנגט אין א קאנטרי פאר קלאדינג. דזשענט'ס פוירנישינג'ס סטאר. גוטע וועידזשעס. זיך נאכפרעגען:
Paul Adelman P. O. Box. 978
Welland Ont.
אדער טעלעפאנירען: 776 וועללאנד
904—11—15

אן עלטערע פרוי איז ווילינג צו געהן אלס ווארטס פרוי, נאכפרעגען 22 סאהא סטריט

א ניו יארקער יונגערמאן האט 6 יאהר עקספיריענסד ביי העמדער, מארקער און לאטער, פארלאנגט ארבייט ביי דער טרייד אדער אנדערע ארבייט. נאכפרעגען „אידישער זשורנאל" באקס 905.
3622—11—15)

מיר פארלאנגען עקספיריענסד אפרייטערס פאר לײדיעס שטרויענע העטס. ווענדעט זיך צו דער קליוועד העט מאננופעקטשורינג קא. 58 וועלינגטאן סט. וועסט.
3620—11—15)

חתן כלה

זאלען דאס געהמען איז אכטונג!

מערידזש לייסענס

קאן מען קריגען
אין אפיס פון

אידישען זשורנאל

[illegible]
251-253 קווין וו.

ביזנעס קיפען און צו פארקויפען

בעקער בראדערס.
191 דאנדעס סטריט וועסט

מיר האבען אויפגעעפענט א האלסייל דזשאבינג הויז פון אלע סארטען סחורות. מיר וועלען פארקויפען צו דזשאבערס, צו סעקאנד הענד סטארס, צו דריי-גודס סטארס און פעדלערס אויף אזעלבע ביליגע פרייזען וואס איהר קאנט ניט באקומען אין קיין אנדערען פלאץ.
13578—11—15

צו פארקויפען א לײדעס טײלאררינג, גוט אויך פאר א מענער שניידער, פיקסטשורס און מאשינערי, מוז שנעל פארקויפט ווערען. אורזאכע געהען אין אנדערע ביזנעס. נאכפרעגען 395 ראנסעסוויילס עוו.
13617—11—15)

א מאנופעקטשורינג פלענט צו פארקויפען פאסיג פאר מענער קלאדינג און לײדיס קלאדינג. נאכפרעגען 115 קינג סטריט איסט קראון קלאוק קאמפאניע.
3618—11—15

צו פארקויפען א טיילארס פעקטארי. באלשטענדיג, זעקס מאשינען, מאטאר און טישען און אזוי ווייטער. מען קען זיך אריינמופען ביי דעצעמבער דעם 1-טען. ביליג רענט. נאכפרעגען די דזשיי. און ס. הדעם קאמפאניע 344 קווין סט. וועסט.
621—11—15)

צו פארקויפען א האמילטאן שניידער פרעס מאשין, אזוי גוט ווי ניי. מוז שנעל פארקויפט ווערען. נאכפרעגען 276 מארקהאם סט. טעלעפאן קאלעדזש 8535
3625—11—15)

צו פארקויפען צוויי אוק האדוואוד וואלקייסעס. צעהן פיס און דרייצעהן פיס, גוט פאר א סיגאר אדער עהנליכע סטאר.

איהר קענט זיי זעהן און פרעגען ביי דווארקינס 525 דאנדעס.
647—11—15

אויב איהר ווילט עטוואס קויפען אדער פארקויפען, א דאקומענט מאכען אדער ביכער עפענען, רינגט מיך קאלעדזש 8218.

נוצט אוים מיין גרויסע פארבינדונג מיט מענשען. י. ראזען.
3649—11—15

צוויי ראף קעסט הייזער אויף יוקליד עוועניו צו זעקס רומס אין א הויז. גוטע פלאמבינג און א ליין. וועלען ביידע פארקויפט ווערען פאר 4 טויזענד דאלאר. טויזענד דאלאר קעש. נאכפרעגען קאלעדזש 1820 אדער קאלעדזש 9500.
953—11—15

צו פארקויפען אן אימפיריעל אקספארד באקס. קענען מיר פארריכטען פארנייס'עס און סטאווס.
63½ טשעסטנאט סטריט.
638—11—15

2 מענער פאר נעליוונטע קאוטס צו פארקויפען, גוט ווי ניי, ווערט פארקויפט פאר האלב פרייז. פרעגען 531 דאנדעס סטריט, וועסט.
648—11—16

א זעלטענער טשאנס, א גוטע לײדיס רעדי טו וועיר ביזנעס אין בעסטען געגענד פון קווין סטריט, מוז פארקויפט ווערען מיט'ן סטאק אבער אהנע סטאק, אורזאכע האט א צווייטע ביזנעס. ווענדעט זיך אידישער זשורנאל באקס 906.
641—11—16

צו די שניידער טרייד!

מיר פארקויפען שניידער טרימינגס ביליגער, ווי איבעראל און איהר אלע שניידער זאלט דא געדענקען און קויפען אייערע טרימינגס אין א פלאץ, וואו איהר וועט שפארען געלט און ווערען ריכטיג באהאנדעלט. אויך קויפען מיר אפ טרימינגס פון אייך, ווען איהר האט וואס צו פארקויפען און אלעס, וואס איהר דארפט. איז אונז צו טעלעפאנירען און מיר וועלען שוין צו דעם אטענדען. פארסעלס העכער פון $3 דעליווערען מיר צו אייך, עס מאכט ניט אוים וואו דאס איז. ארדערס אויסער טאראנטא שיקען מיר צו אייך צו יעדער צייט. בוק און קא. 279 קווין סט. וועסט. טעלעפאן אדעלייד 1493 אדער קאלעדזש 8110.
905ל—12—5

הארדוואוד פלארס

קליר אק פאר 35 סענט א סקוועהר פוס, אנדערע גריידס פאר 28 סענט, געלענט און געפינישט קאמפליט.

לערד 1 קין סטריט טעלעפאן דזשעראר 6029.
570—12—8

אפהאלסטערינג

פארניטשור ווערט פארריכט און פאליטירט. מעסיגע פרייזען. פרייזען ווערען געגעבען פריי. טשעסטערפילד סעטס געמאכט צום ארדער. גוטע ארבייט גאראנטירט. 6½ אגוסטא עוו.
13615—11—18)

ביזנעס שאנסען

טעלעפאנירט ארעלייד 153.

פאר מעסענדזשער.

אלע סארטען שערען געשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער.

אלע סארטען רייזערס. בליידס געשארפט. אויך די געוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און אריינגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.

מיר קומען נאך דער ארבייט.

די אלבערט שארפער רייזער

180 באטהורסט סט. טאראנטא. אנט.

דופינג, וויליאם סאלטער, 152 בעי סטריט. אדעלייד 1098, דזשעראר 496.
855—11—28)

הויז רעפער קא. לימיטעד.
4—152 בעי סטריט.

מיר קוקען איבער און פאררעכטען אלעס גוטינגעס אויף בילדינגס פון סעלער ביז דאך.

טעלעפאן אדעלייד 1098.
855—11—28)

פייפערהענגינג און פיינטינג.

דער אלטער באקאנטער פייפערהענגער און פיינטער פייפערט מיט די שעהנסטע פייפער און די בעסטע פיינט.

סעם קייטס, 166 אסינגטאן עוועניו טעלעפאן פארקדייל 3394.
3340—11—15

מיר רייפיירען אלע סארטען סטאווס, און קלינען פארניסעס צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען אייער אלטען סטאוו אויסקוקען ווי ניי. 80 דזשעראר סט. וועסט. טעלעפאן עדעלייד W 5198
13505—12—1)

דעבער פיקסען.

מיר מאכען נייע גרעוועל דעבער און פיקסען אלטע, מיר מאכען פארשיעדענע פוירנים ארבייט. גוטע באהאנדלונג גלייך אטענדעט. אלע ארבייטען גאראנטירט און צו די ביליגסטע פרייזען.

אימפיריאל דופינג און טינסמיטינג קא. 95 עלם סטריט. טעלעפאן אדעלייד 7631.
13418—11—24.

האפמאן פייפערהענגער

פיינט און פייפערט צו די ווינטער פרייזען, 1 אלסטער סטריט, טעלעפאן קאלעדזש 3023.
3591—12—10)

קאהען און קאהען

באריסטער'ס און נאטארים פאבליק א. א. וו.
קאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מיין 2684.
אברהם קאהען הילקרעסט W 4855
סעמיועל קאהען דזשאנקשאן 2619.

אויפמערקזאם

מיר מאכען דעבער און מיר פיקסען אלטע. אויך מאכען מיר רינוועס און אלע בלעכער ארבייט. אויך שטעלען מיר אריין נייע פארניסעס און פיקסען אלטע נאכפרעגען ד. ליען 1072 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן פארקדייל 6076.

סיטי דריי ווארקס

351—349 קאלעדזש סטריט.

מיר נעהמען אן ארבייט צו קלינען, פארבען און פרעסען. אונזער טראק וועט קומען צו אייך ווען איהר וועט אונז טעלעפאנירען.

מיר נעהמען צו און דעליווערען ארדערס. טעלעפאנירט קאלעדזש 2628.

א הוסט איז א סימן פון קומענדער ערנסטער געפאהר באפרייט זיך פון דעם גלייך מיט א דאזע פון "דר. סייטס קאף באלזאם". קיין אנדער מעדיקאמענט גלייכט זיך צו דעם, אבסאלוט גאראנטירט. פרייז 35 סענט. צו באקומען בלויז ביי

Claude J. Halloran
כעמיסט.
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
טעלעפאן ארעלייד 1281.

ברוך וואלעוועל פעקמאן

60 בעלוויו עוו.

פארקויפט און דעליווערט טשיקענס אויף שמחות צו ביליגע פרייזען. טעלעפאן קאלעדזש 1869.

— די —

שוויץ באד

אין 36 סענטער עוועניו

וועט זיין אפען

יעדען דינסטאג אווענט

וואו איהר קענט שלאפען א גאנצע

נאך די וואהלען צום עסטרייכישען פארלאמענט

דער נייענער קארעספאנדענט פון דעם אידישען קארעספאנדענץ ביוראָ באריכטעט:

די וואהלען אין וויען זיינען אריבער בשלום. אין דעם אבסאלוט רוהיגען וואהלטאג, ווען די געמיטער זיינען אזוי אויפגעהעצט, האט זיך וויען ארויסגעוויזען אלס די אלטע קולטור־שטאט. עס איז אין ערגעץ ניט פארגעקומען קיין באזונדערער צווישענפאל.

די וואהלען האבען פאר איינינע פאליטישע פארטייען געענדיגט זיך מיט גרויסע פארלוסטען. די סאציאל־דעמאקראטען וועלען פארלירען 6—7 מאנדאטען, די גרויסדייטשען פארלירען אויך די זעלבע צאהל מאנדאטען בערך. די קלענערע אנטיסעמיטישע פארטייען, וועלכע האבען אויף זייער פאהן קיין שום אנדער פראגראם ווי דעם קאנסעקווענטען פאגראם־אנטיסעמיטיזם, זיינע אין גאנצען דורכגעפאלען. די קריסטליכע סאציאליסטען האבען שוין געוואונען 10 מאנדאטען און וועלען ארויסקומען מיט א ריוח פון 13—15 מאנדאטען. אקעגען זייער מאנדאט צאהל אין דער פריהערער נאציאנאל־פארזאמלונג.

די אידישע נאציאנאלע ליסטע האט געהאט דאס מאל א גרויסען מאראלישען ערפאלג. זי האט געקראגען אין דעם איינציגען פון אידען געדיכט־באוואוינטען וואהלבאצירק 9393 שטימען אנטקעגען 7770 ביי די פריהערדיגע וואהלען. פונדעסטוועגען האבען די אידיש־נאציאנאלע צום גרעסטען באדויערן פארלוירען דאס איינציגע אידישע מאנדאט אין וויען און דאדורך אויך דאס צווייטע אידישע מאנדאט אין איבעריגען עסטרייך. די עסטרייכישע אידען, וועלכע האבען אין וויען אליין בערך 60.000 וועהלער, זיינען אזוי ארום געבליבען אהן א יעדער פארטרעטונג אין נייעם נאציאנאל־ראט. אין גאנצען נייעם עסטרייכישען פארלאמענט וועט זיך ניט געפינען אפילו איין אבגעארדענטער, וועלכער וועט האבען דעם מוט אדער דעם ווילען צו זאגען א גוט ווארט אויף דער אידישער מינאריטעט אין עסטרייך. שוין אפגערעדט דערפון, אז דער מינאריטעט־פארטראג לגבי די עסטרייכישע אידען וועט איבערהויפט ניט הערמאנט ווערען פון דער פארלאמענטארישער טריבונא אין עסטרייך.

דאס איז א גאר טרויעריגער רעזולטאט פאר די עסטרייכישע אידען בפרט נאך דעם אלגעמיינעם וואהל־רעזולטאט, וואו די קריסטליך־סאציאלע זיינען געווארען די מעכטיגסטע פארלאמענטארישע פארטיי און דאדורך וועט די גאנצע מאשינעריע פון רעגירונג און פארוואלטונג זיך איבערהויבען אויף רעכטס. דער אנטיסעמיטיזם וועט אצינד זיין א שטאאטליכע ריכטונג און די אידען וועלען ניט האבען קיין איינציגען מליץ יושר צו פארטיידיגען זייער בירגערליכע און ווירטשאפטליכע גלייכבארעכטיגונג אין עסטרייך. פון די סאציאלדעמאקראטען איז ליידער גאר ניט צו ערווארטען אין דעם פונקט. זייערע פארטיי־אינטערעסען זיינען פאר זיי נאטירליך וויכטיגער ווי צו זיין א "אידען־שוץ־גרופע". אין לעצטען האלבען יאהר האט דער דאזיגער פארטיי־אינטערעס געמאכט פון זייערע פיהרער אליין אבענע אנטיסעמיטען. דער המון איז אויפגעהעצט פון די קריסטליך־סאציאלען געגען די אידען און כדי ניט צו פארלירען די שטימען פון די אונטערסטע פאלקס־שיכטען, האבען די סאציאל־דעמאקראטען באוויזען אין דער פארוואלטונג פון די מלוכה־אמטען, וועלכע שטעהען אין זייער רשות א שטארקען אנטיסעמיטיזם. אז דאס האט זיי ניט געהאלפען און זיי האבען פארט פארלוירען ביי די איצטיגע וואהלען 109.000 שטימען, איז א זאך פאר זיך און ווען די שטימען זאלען ניט געווען צופאלען צו די קריסטליך־סאציאלען, וואלט מען ווענינסטענס געווען געהאט א שטיקעל סאטיספעקציע געגען די סאציאל־דעמאקראטען, וועלכע שעהמען זיך ניט צו געווינען די מאסען מיט דער הילף פון אנטיסעמיטישע פראיעקטען.

אין דער נידערלאגע פון די אידיש־נאציאנאלע זיינען, ווי געוועהנליך, די אסימילאנטען דער איינציגער חיב. די וויענער אסימילאנטען האבען אונטער דער מאסקע פון א "דעמאקראטישער פארטיי" אויפגעשטעלט אקעגען דער אידיש־נאציאנאלער ליסטע אן אייגענעם קאנדידאט, דעם אסימילאטאר דר. שווארץ־הילער, כאטש זיי האבען געוואוסט אויף זיכער, אז ער וועט האבען גאר, גאר ווייניג שטימען און ער וועט ניט מעהר פועל'ן ווי פארמיגליכען דעם איינציגען מעגליכען אידישען מאנדאט פון שטריקער. אלע באמיהונגען פון די ציוניסטען צו באאיינפלוסען שווארץ־הילער, ער זאל צוריקציהען זיין קאנדידאטור, זיינען געווען אומזיסט. די קליינע אידישע אסימילאטארישע קליקע אין וויען האט זיך דירעקט פארגענומען אפצוהרג'ענען דעם איינציגען אידישען מאנדאט און ווייל דר. שווארץ־הילער האט אפגעצויגען פון שטריקער'ס ליסטע 1000—1500 שטימען איז קיין איד אין עסטרייך ניט געוועהלט געווארען. שווארץ־הילער האט באקומען בכלל 4400 שטימען און שטריקער אין איין וואהל־קרייז 9725 שטימען. מיט 11,000 שטימען וואלט שטריקער געווען באקומען א מאנדאט פון איין וויענער וואהלבאצירק און דאן וואלט אניטא מילער געווען באקומען דאס צווייטע אידישע מאנדאט פון דער רייכס־ליסטע. אויך דער מילער מאנדאט איז געווען בעמעט ווי געזיכערט, ווייל אחוץ שטריקער'ס 10.000 שטימען בערך, האט אניטא מילער בלויז אין די איבעריגע וויענער וואהלבאצירקען באקומען אויך קארגע 10.000 שטימען. ווען מען רעכענט אז אניטא מילער וועט זיכער געווינען אין די אנדערע גרעסערע עסטרייכישע שטעט, וואו אידען וואוינען, 4000—5000 שטימען (דאס גענויע שטימענפארהאלטניש פון גאנץ עסטרייך איז נאך ניט ענדגילטיג באקאנט) דאן זעהט מען, ווי די עסטרייכישע אידען האבען פארלוירען 2 מאנדאטען און אזעלכע צוויי טיכטיגע און ענערגישע כלל־טוער ווי איינזש. שטריקער און אניטא מילער. דאס טרויעריגסטע דערביי איז נאך, וואס שטריקער'ס מאנדאט איז עראבערט געווארען פון די קריסטליכסאציאלען. די וויענער אידען זיינען אזוי ארום דורך עטליכע עהרגייציגע אסימילאנטען פארטראטען אין נייעם נאציאנאל־ראט דורך א קריסטליכסאציאלען רעפובאט.

כאראקטעריסטיש איז נאך די צווייטע איבערראשונג, אז אויך די טשעכען (בערך א האלבען מיליאן אין וויען אליין) האבען אצינד פארלוירען זייער איינציגען מאנדאט. דאס נייע עסטרייכישע פארלאמענט וועט אלזא באשטעהן פון בלויז דייטשען.

אט אזא וואהלגעאמעטריע האט די פריהערדיגע רעגירונגס קאאליציע בכיוון געמאכט, כדי די נאציאנאלע מינאריטעטען זאלען בלייבען אהן א שום פארלאמענטארישער פארטרעטונג.

אנקא

פון . מאשקאוויטש.

פרעגט ביי די חבר'טעס, ביי אלע באקאנטע און זיי וועלען אייך זאגען, אז אנקא לעבט בלויז פון רעדען. אמבעסטען וועלען עס אייך באשטעטיגען די שכנים וואס האבען אנקא'ן ליעב ב'לעבען פאר איהר פרעהליכקייט, פאר איהר לעבעדיגקייט און דערהויפט פאר איהר געשליפען צינגעל. אויב אינ'ם ארימען אומעטיגען צימער'ל, וואו די גאנצע חיונה ווערט געצויגען פונ'ם ביסעל פאפיראסען, איבער וועלכע עס זיצט דער אסטמא־קראנקער פאטער און הוסט צוליב דעם שטיקענדען ריח פון טיטון, פון אין דער פריה ביז אויף דער נאכט — אויב אין דעם דאזיגען נעסט הערט זיך נאך א הויך רעדען און א הויך לאכען, איז עס נור צו פארדאנקען דער קליינער, דראבנער, שווארצ'הנ'עוודיגער אנקא.

ווי אלט אנקא איז, קאן איך אייך ביי מיין בעסטען ווילען נישט זאגען. שוין היבשע יאהרען, ווי זי זעהט אלץ אויס אויף א יאהר אבצעהן און מיר דוכט זיך, אז זי וועט שוין אייביג אזוי אויסזעהן, ווארום אנקא איז א מענש, וואס זארגט זיך גאנץ קנאפ און נעהמט זיך קיין שום זאך נישט צום הארצען. עס טרעפט גאנץ אפט, אז שטוב איז גיטא קיין שטיקעל ברויט און ס'בלייבט נישט מעהר, ווי צו לעגען זיך שלאפען אויף'ן טרוקענעם מאגען, אויף אנקא'ן: פונדעסטוועגען וועט איהר'ס נישט דערקענען: שטענדיג לוסטיג, שטענדיג אויפגערוימט און שטענדיג א פריש געבאקענע מעשה'לע אויף דער האנט, וואס האט אקאדשט מיט איהר געטראפען. ווארום אנקא האט א באזונדער שוואכקייט צו דערצעהלען מעשה'לאך און דערצעהלען דערצעהלט זי זיי אזוי, אז איהר מעגט זיך עס פארגינען צו הערען: נישט גלאט עפעס אזוי ווי יעדער אנדערער, נור אזוי קונציג, אזוי אינטערעסאנט, און אזוי מאלעריש אז אייך דוכט זיך אויס, ווי איהר וואלט עס געזעהן מיט אייערע אייגענע אויגען. און אזוי ווי זי אנקא ווייס, אז דער עולם קוועלט פשוט אז פון איהרע מעשה'לאך, לאכענדיג נישט איין מאל ביז טרעהרען, זשאלעוועט זי זיי ניט. שיט ווי פון א לעבעדיגען זאק און ווערט קיינמאל נישט מיעד. צי זי קומט פון א קאאפעראטיוו, צי פון דער ביבליאטעק, צי גלאט אזוי פון דער גאס — שטענדיג האט זי עפעס צו דערצעהלען שטענדיג האט זי עפעס געזעהן אין מיט עס זיין דאס טרויעריגסטע. אז אנקא דערצעהלט עס, האלטען ביי די זייטען פון לאכען היינט ווער שמועסט. אז אנקא באקענט זיך מיט א יונגערמאן, זעהט איהר דעמאלט, איז יום־טוב אין דער וואכען. ווארום כאטש אנקא האט ליעב א שטיף און א לאך און קערען א וועלט, איינס האט פונדעסטוועגען נישט צום אנדערען: אז מ'קומט אהיים, מאלט מען אפ דעם פראנט פון קאפ ביז די פיס, ווי ער זעהט אויס ווי ער געהט און ווי ער רעדט. מיט איין ווארט: מ'מאכט פון איהם א תל. די גרעסטע כפרה ווערען ביי איהר די היינטיגע מלחמה־יונגעלייטלאך, די, וואס איבער נאכט זיינען ווי געווארען געבילדעט און אינטעליגענט, וואס ווייסען צו רעדען וועגען ביכער, טעאטער, מוזיק און נאך אזעלכע זאכען. זיי אז אנקא נעהמט אין דער ארבייט אריין איז עפעס צו הערען. גאר אפשר מיינט איהר, אז אנקא איז אויסען עפעס שלעכטס. אפלאכען אדער חוזק מאכען פון מענשען? האט איהר א גרויסען טעות. אנקא מיינט, חלילה, ניט קיין שום זאך, מעהר נישט, זי ווילט זיך א ביסעל: זיך און אנדערע און ווייטער נענג.

האט אבער אנקא געהאט דאס מאל א מאוס'ן דורכפאל, מעגט איהר עס הערען. אנקא שעהמט זיך נישט דאס אליין צו דערצעהלען. ווארום אנקא איז אפענהערציג און ווייסט נישט פון קיין קונצען. זי האט טאקי געהאט אן אפשניט. נור ווי אלץ איז דאס אויך ביי איהר נישט מעהר ווי א געלעכטער, א שפאס און זאל דער עולם לאכען: א דאגה האט זי . . און אט וואס זי דערצעהלט:

דאס לעצטע מאל וואס זי איז געגאנגען צום פאטער'ס קליענט, א רייכען פאבריקאנט, איינקאסירען געלד פאר פאפיראסען, האט איהר, צו איהר גרויס איבעראשונג, געעפענט די טיר א יונגער שעהנער שלאנקער אפיציער. עלעגאנט זי באגריסט, זעהר העפליך, מעשה קאוואליר, אריינגעבעטען זי אין סאלאן און געבעטען זיצען. אנקא האט באלד באמערקט אז זי האט אויף דעם שעהנעם אפיצער. א זוהן אפנים, אין דעם הויז.

געמאכט א גאנץ גוטען איינדרוק. ווארום ווי אזוי זיך צו האלטען אין אזעלכע פאלען דארפט איהר אנקא'ן ניט לערנען: איין בליק מיט איהרע צוויי קוילען־אויגען און א יונגערמאן ווערט אבגעבריהט. דער שלאנקער אפיציער האט טאקי באלד גענומען ארומטאנצען ארום איהר, באשיט מיט פראגען: וואס האט זי אהער געבראכט, מיט וואס קאן ער איהר דינען, וועלכען צופאל האט ער צו פארדאנקען דאס ערשיינען פון אזא ליעבליך וועזען? אז אנקא איז געקומען אפנעהמען געלד פאר פאפיראסען קאן איהם גארנישט איינפאלען. ווארום כאטש אנקא איז אן ארעם מיידעל, געהט זי פונדעסטוועגען געקליידעט אין האניג און אין מילך. פון וואנען זי נעהמט אויף דעם פרעגט נישט קיין קשיות. ביי אזא מיידעל ווי אנקא איז רעכט נישט צו עסען פון איין שבת ביז'ן אנדערען און אויף א קאסטיום מיט א הוט מוז זיין. אנקא האט זיך געפונען אין א גרויסער פארלעגענהייט. האדיי האט זי א געטעמט צום אלטען הער. גאר וואס אזוינס — קאן זי נישט זאגען פאר קיין שום געלד אין דער וועלט. אנקא קען איהרע פאפענהיימער: דער עלעגאנטער קאוואליר וואלט אודאי באלד אויסגעטריקענט געווארען, אנטלאפען ווי דער פעפער שווארצער פעפער וואקסט און דאס האט זיך איהר דוקא אין יענער מינוט שטארק נישט געוואלט.

פון מינוט צו מינוט איז געווארען אינטערעסאנטער. דער פלירט איז געגאנגען ווי אויף פוטער און אויף פלירטען איז אנקא א בריה. איהר קאנט זיך אויף איהר פארלאזען. אזוי האט געהערט נישט לאנג און אין טיר, עפעס וואונדערליך, פונקט ווי אן ארימאן באווייזט זיך ווידער אן אפיציער נור נאך שעהנער, נאך עלעגאנטער ווי דער ערשטער, ווייזט אויס א ברודער, ווארום ער איז איינגער, פרישער פאר איהם. א געהויכטען שווארצע, געלאקטע קאפ האר, כאטש נעהם און גראב איין ביידע הענט ווי איין נאך נישט געשפונענע וואל. אויף'ן בלאסען געזיכט פון ביידע זייטען, ווי צוויי שווארצע סאמעטנע בענדלאך, שמאלינקע באקען־בערדלאך א לא פאניאטאווסקי און א פאר אויגען, גאט מיינער! נישט ארייגצוקוקען אין זיי ווי אין די גליהענדע זון. דער צווייטער העלד פון ראמאן האט זיך ענטשולדיגט געפרעגט צו ער שטערט נישט. פארשטעהט זיך ווי פאר וועמען. דעם עלטערען ברודער האט ער שטארק געשטערט, אנקא, פארקעהרט האט ניט געהאט נעגען דעם, אדרבה מיט'ן שעהנסטען פארגעניגען. און אזוי איז עס געשעהן. אידער וואס־ווען, און אנקא האט זיך געפונען אין אזא אנגענעהמע געזעלשאפט: צוויי יונגע, שעהנע פארבארטשיקעס מיט אמאל האבען געטאנצט ארום איהר ווי די רוחות. באשיט מיט קאמפלימענטען, אז זיי האבען זיין נישט איינמאל באמערקט אויף דער גאס. אז זי ציהט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון אלע דורכגעהער. איבערהויפט שיינט זי צו זיין דעם איינגערען זעהר באקאנט. ער וואלט געשוואוירען. ער האט זיך ערגעץ מיט איהר געטראפען ער קאן זיך אבער נישט דערמאהנען וואו. שליסליך, וואס איז דער חלוק? א קשיה אויף א מעשה, וואו מען קען זיך האבען געזעהן? ! העכסט וואהרשיינליך אויף א קאנצערט — איז זיך אנקא מיישער (כאטש צווישען אונז זאל עס בלייבען, ווייס איך נישט, ווען אנקא באזוכט קאנצערטען, פון וואנען נעהמט זי דערויף?) און עס מאכט זיך א שמועס פון קאנצערטען, טעאטער, פארוויילונגען. אנקא'ן דארף מען נישט האלטען אונטער די צונג. זי ווייס זיך אנצורופען מיט א ווארט. אזוי האט מען פארבראכט א היבשע צייט. אנקא האט גארנישט באמערקט, ווי די צייט קומט איהר אהין, אזוי גוט געפיהלט האט זי זיך.

נור אזוי ווי קיין גליק איז נישט אויף אייביג, האט אויך אנקא'ס גליק געקומען א שנעלען סוף. עס איז פלוצלונג אהיינגעקומען דער אלטער הער, דער באלעבאס פון שטוב און אנקא האט געפיהלט, ווי מ'וואלט זי אפגעגאסען מיט א קאלטען עמער וואסער. ווי מ'וואלט איהר א זיסען חלום איבערגעריסען און ס'האט זי אנגעהויבען ווארפען ווי אין פיבער. א שוויים האט זי באדעקט פאר צרות. דער אלטער הונד קאן דאס אלץ קאליע מאכען און זי ציטערט פון שרעק נור זאל זי נור ניט עפעס א פרעג טאן וועגען פאפיראסען. חברה קאוואלירען זאלען זיך נישט אויסווייסען איהר יחוס. אנקא פרעגט און ווי אין חיוב, הערט נישט וואס מ'רעדט צו איהר, ווייס נישט וואס צו ענטפערען. איין ווארט פארנעהמט עס איהרע געדאנקען. פאפיראסען. דער אלטער זאל נור, חלילה, נישט דערמאנען דאס דאזיגע ווארט. וואו וואלט זי זיך דעמאלט אהינגעטאן פאר חרפה. א לעבעדיגע וואלט זי זיך באגראבען.

דערווייל איז אבער געגאנגען לאך גישקשה. דער אלטער האט נאר געקלעגט וויפיעל עס קומט; און אז אנקא האט שטאמלענדיג געענטפערט, האט ער ארויסגענומען א פאר באנקנאטען און איהר העפליך דערלאנגט. ביידע זיהן האבען פאסשענדיג זיך צוגעקוקט. איבערווארפענדיג זיך מיט צווידייטיגע בליקען. אנקא האט עס באמערקט. נור וואס קאן זי טון? אלץ בעסער ווי דערוויסען זיך חלילה דעם טרויעריגען אמת. און זי האט שנעל גענומען זוכען די טיר. וועלענדיג וואס גיכער פטור ווערען פונ'ם דאזיגען אלטען. וואס קאן זי יעדע מינוט אומגליקליך מאכען. ביידע פארטשניקעס האבען זיך ריטערליך געווארפען פאראויס. וועלענדיג איהר מאכען א וועג און עפענען די הויז־טיר אויף. וואס אנקא האט זיך מיט א קאקעטישען שמייכעל רעוואנזשירט און עס איז געשעהן! דער אלטער האט זיך פלוצלונג ווי אן עפעס דערמאהנט און גאנץ גלייכגילטיג נאכגעשריען: "פרוילייו, איהר וועט אזוי גוט זיין זאגען דעם פאטער אייערען, ער זאל מיר די פרישע "500" נישט מאכען אזוי שטארק, זיי רייסען צופיעל אין האלז".

אנקא איז געבליבען שטעהן א ווייל־ע ווי פון א דונער געטראפען. באלד האט זי גענומען לויפען, א דערשראקענע און א צעמישטע, אבער האט זי אנשטאט צו דער טיר פארבלאנדזשעט פון קארידאר אין א נעבען־צימער.

ביידע קאוואלירען זיינען שוין דאס מאל געבליבען שטעהן גאנץ רוהיג. נישט ריהרענדיג זיך פון ארט. קיין איינער פון זיי האט נישט געפרובט ארויסצופיהרען זי פון טעות. ערשט אז אנקא איז שוין געווען ביי דער טיר, האט זיך דער עלטערער יא אנגערופען. נור מיט א קאלטער, הארטער שטים. וואס אזוינס? "די פאנענקע וועט ביים ארויסגעהן פעסטער צומאכען די טיר" . . . .

אנקא האט הין דאזיגע געשיכטע דערצעהלט ווי אלעמאל, שטיפענדיג לאכענדיג, וועניג וואס זיך מאכענדיג פון דעם אלעם — א פאקט איז אבער, אז אנשטאט דעם געוועהנליכען הילכיגען געלעכטער, האט זיך אויף די געזיכטער פון אנקא'ס אודיטאריום דאס מאל באוויזען בלויז א טרויעריגער שמייכעל: נאך מעהר: ביי איינינע האבען זיך. דוכט זיך באוויזען טרעהרען אין די אויגען . . . .

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטער הער רעדאקטאר!

ערלויבט א שטענדיגער לעזערין פון אייער צייטונג א שטיקעל פלאץ אויף צו שרייבען א בריעף פאר אידער א לאנדס־פרוי.

איך קען ניט צוזוקוקען איר שרעקליכען עלענד און פיין. מיט 2 יאהר צוריק איז איהר מאן געשטארבען און זי איז געבליבען א ביטערע אלמנה מיט 3 שוואכע קינדער.

זי איז גוט באקאנט אין דער פעדעראציע, וואו זי באקומט אכט דאלאר א וואך. דאס איז ווייט ניט גענוג אויף צו דעקען אירע הוצאות און פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר, טוט זי הויז ארבייט.

ווען זי קומט אהיים פון דער ארבייט מוז זי ערשט אנהויבען צו ארבייטען פון דאס ניי. אבער זי האט דאס אלעס אנגענומען פאר ליעב אבי ניט אוועקצוגייסען די קינדער פון זיך ליידער האט זי זיך פארדינט ביי איך שווערער ארבייט [illegible] הארץ־ווערטאג און פילט [illegible] אז [illegible] כחות ענדיגען זיך און זי קאן דאס [illegible] ניט טון.

האבען איהר מענשען געראטען זי זאל אוועקגעבען די קינדער אין דעם בית יתומים. מיט נחוס מיה האבען מיר ביי איהר געפועלט אז זי זאל עס טון. אבער, צום באדויערן, געהט זי שוין דריי חדשים אז מען זאל די קינדער אריינהעמען און די טירען זיינען פאר זיי פארמאכט.

אויב עס וואלט געווען אן אנדער פאל, גלויב איך אז די בעאמטע [illegible] זייערע פארשטיינערטע הערצער וואלטען [illegible] געפונען גענוג פלאץ פאר די קינדער אין "האום".

פיליכט וואלט די מוטער איך [illegible] געדארפט געהן וואשען פרעמדע פלאר[illegible] אבער אויב עפעס אן אומגליק וועט טרע[illegible] דער ארימער עלענדער פרוי, [illegible] זיינען פאר איר אלע וועלטען פארלארען.

איך רעד עס צו די בעאמטע פון אידישען האום אז זיי זאלען איבערטראכטען איהר ביטערע לאגע. צו וואוינען האט זי ניט וואו, מיט די קינדער וויל זי קיינער ניט אריינעמען, און דאס צוברעכענע הויז וואו זי וואוינט נעהמט מען צו פאר א פאבריק. קומט איהר איס נאר צו וואוינען מיט איהרע קינדער אויף דער גאס. אלזא, זי מוז די קינ[illegible] אוועקגעבען, אויב ניט אין דעם אידישער "האום", וועט זי זיי מוזען אוועקגעבען אין דער קריסטליכער האום.

אבער דאס זיינען שוין אזעלכע קינ[illegible] וואס זיינען אלט גענוג אויף צו פארשטעהן און זיך לאזען באאיינפלוסען פון דער קריסטליכער בילדונג וואס זיי וועלען קריגען אין קריסטליכען "האום".

עס וואלט געווען א שאנדע פאר די טאראנטאר אידען בכלל און פאר די בעאמטע פון דעם בית יתומים בפרט מען זאל געהמען דריי אידישע קינדער און זיי מאכען פאר גוים.

איך ווארט מיט אונגעדולד אויף אן ענטפער.

מיט גרוס

די שטענדיגע לעזערין.

שפארט צייט אין קוך
MAZOLA
איז א „ליקוויד" פארטיג
צום פרעגלען

מערידען
הערט אויף צו ליידען [illegible] אפילו אויף אן איינציגען טאג פון בייסענדיגע און בלוטענדע אדער ארויסשטעהנדיגע מערידען. קיינע אפעראציעס נויטיג. דר. טשייס'ס [illegible] וועט מאמענטאל אויסהיילען און [illegible] אן איינבגע רפואה. 60 סענט א באקס ביי אלע [illegible] געשעפטסליוט, אדער עדמאנסאן, בייטס און קאמפאני, לימיטעד, טאראנטא. סעמפעל באקס פריי. אויב איהר דערמאנט דיזע צייטונג, און ליגט אריין 2 סענט מטעמים פאר פאסטעדזש.

היינט און דינס
טאג דעם גאנצען
טאג ביז 9 אוונט

קענט איהר נאך באווייזען איבערצוגעבען אונז געלדער פאר הער קערצער צו נעהמען מיט איהם פאר אייערע קרובים נאך פוילען, גאליציען, רומעניען און אוקראינע.

די געלדער ווי אויך קאנטראקטס וועלען טעלעגראפירט ווערען נאך ניו־יארק וואו הער קערצער פארברענגט ביז דעם 17־טען. ווען די שיף געהט אפ.

דאלארס גאראנטירט סענט פאר סענט

אונזער ערשטער טראנספארט פון פאספארטען וועט שנעל זיין דא.

Graner & Co.
181 Queen St. W.
TORONTO
טעלעפאן עדלייד 4785

שפארט אליין און
זעהט אויך אז אייער
קינד זאל שפארען

מיט איין דאלאר קענט איהר עפענען אן אקאונט און
אוועקלעגען דעם פונדאמענט פאר אייער צוקונפט

יעדער דעפאזיטאר באקומט אהיים א שעהנע סייף
אין וועלכער ער קען שפארען קלענערע סומען

געוואוינט צו אייער קינד עס זאל זיין שפארזאם

ה. ווינבערג
BANKER
253 קווין סטריט וועסט
אין אפיס פון „אידישען זשורנאל"

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd.
254 - 253 Queen Street West Telephone Adelaide
Subscription Rates $6 Per Year, $3.50 Six Months
Single Copy —3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ontario
Janury 22nd 1913

עס איז ניט קיין סתם פראגע

אין דער לעצטער צייט איז פיעל גערעדט און געשריעבען געווארען וועגען די פאלעסטינער גרענעצען. און אפילו די לאנדאנער „טיימס", למשל, האט געפונען פאר נויטיג ארויסצוטרעטען געגען דער חלוקה וואס מען וויל מאכען מיט ארץ ישראל.

אין פארשטאנען מוז ווערען אז עס האנדעלט זיך ניט וועגען דעם צי ארץ ישראל זאל האבען מעהר טעריטאריע אדער וועניגער. עס האנדעלט זיך וועגען א פיעל ערנסטערע זאך. צי קען פאלעסטינע עקזיסטירען נאכדעם ווי מען נעהמט פון דעם אוועק די וויכטיגסטע נאטור־רייכטימער, אהן וועלכע א לאנד קען זיך ניט ענטוויקלען.

אזוי שרייבט, למשל, דער „פאלעסטיין", וועלכער ווערט ארויסגעגעבען פון דעם פאלעסטינע קאמיטעט זעהר ריכטיג וועגען דער גאנצער פראגע:

„די פראנצויזען זיצען פעסט אין סיריען און מיר אין פאלעסטינא. אלץ, וואס בלייבט נאך צום לעזען, איז די פעסטשטעלונג פון די גרענעצען צווישען די ביידע מדינות. עס איז א פרט, אבער א פרט, וועלכער איז נאך ניט גענומען געווארען ריכטיג אין די הענט. אבער זיין באדייטונג איז שלעכט פארשטאנען געווארען. מיר אלע ווייסען עטוואס וועגען די טעמים פון דער דאזיגער מיספארשטענדניס. איצט אבער איז דער מצב אוועק. די פראגע וועגען די צפון גרענעצען פון פאלעסטינא איז שוין ניט מעהר א טייל פון א פאליטישער אינטריגע אין דער אינערליכער פאליטיק. אדער אן עלעמענט פון דער אטמאספערע פון חשד. עס איז אריין אין זיין ריכטיגער געשטאלט אלס א פשוט'ע פראקטישע פראגע.

לאמיר איבערחזר'ן וואס די פראגע מיינט. פאר פראנקרייך איז עס אן ענין אהן א שום באדייטונג. — איניגע קוואדראט קילאמעטער וועניגער אדער מעהר טעריטאריע אהן א פאליטישע, רעליגיעזער אדער עקאנאמישער באדייטונג פאר פראנקרייך אדער פאר סיריע. פאר פאלעסטינא, א זאך וואס האט א באדייטונג פון א לעבענס פראגע — דאס האבען דעם באזיץ אין די קאנטראל איבער די וואסער־קוועלען וועלכע זיינען דאס לעבענסבלוט פונ'ם לאנד, פון וועלכע עס איז אבהענגיג די צוקונפטיגע אגריקולטור און אינדוסטריע. נעהמט איהר צו אוועק פון פאלעסטינא, איז פאלעסטינא פארקריפעלט; פאראייניגט זי צו סיריען איז סיריען קיינמאל ניט רייכער געווארען. נאר זי האט בלויז צוגענומען פון פאלעסטינא דאס געזונד, די קראפט און די הצלחה. פאר ענגלאנד איז די באדייטונג פון דער זאך קלענער ווי פאר פאלעסטינא. די איצטיגע ענדערונגען אינ'ם פראגראם פון עגיפטען באדייטען דאס איבערטראגען דעם שווער־פונקט פון דער בריטישער מאכט אין נאהענטען מזרח פון קאירא קיין ירושלים. פאלעסטינא מוז זיין גענוג שטארק צו טראגען די משא. זי מוז האבען די אגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע מעגליכקייטען וואס זאלען זיין גענוג פאר איהר נייער פונקציע. זי מוז האבען איהר אייגען וואסער און זי מוז האבען די גרענעצען וועלכע נעהמען ארום די וואסערן. עס איז ניט איבערטריבען צו זאגען, אז פונ'ם שטאנדפונקט פון די אינטערעסען פון דער בריטישער אימפעריע איז די געהעריגע פעסטשטעלונג פון די צפון און צפון־מזרח גרענעצען פון פאלעסטינא נויטיג, פאר דער גלאטיגער און רייבונגסלאזער אויסגלייכונג פון די ענגליש־פראנצויזישע באציהונגען, וואס עס איז דער ווינקעלשטיין פון דער אייראפעאישער פאליטיק וועלכע פרעזידענט מילעראן האט פראקלאמירט".

אזוי שרייבט אן ענגלישער זשורנאל וועלכער באטראכט דעם גאנצען פונקט נאר פון דער וויכטיגקייט פאר דער בריטישער אימפעריע. באטראכט מען די זאך נאך פון א פאלעסטינער שטאנדפונקט, פון א אידישען שטאנדפונקט, ווערט די זאך נאך ערנסטער.

וואסער מיינט היינט עלעקטרישע קראפט, וועלכע דארף פארבייטען דעם קוילען־מאנגעל פון ארץ ישראל. און נעהמט מען דאס אוועק, שטעכט מען אין סאמע הארץ פון אן אינדוסטריע מעגליכקייט.

עס איז ניט קיין פראגע וועגען גרענעצען סתם. נאר צי פאלעסטינא וועט קענען ענטוויקעלט ווערען, אדער מוזען בלייבען דאס זעלבע חרוב'ע לאנד וואס זי איז נאך טיילווייז דערווייל.

דער אלטער תירוץ

וואס, וואס. אלע שלעכטקייטען און פארדארבענהייטען פון דער פאראלטער רעאקציאנערער דיפלאמאטיע האט פוילען איך שנעל אויסגעלערנט, און אבוואהל אויך אנדערע מלוכה געביעטען האט זיך פוילען נאך ניט אויסגעצייכענט. האט זי אבער שנעל אויסגעלערנט אלעס וואס האט נאר א שייכות צו אידישער פארפאלגונג, און זי טוט אלעס אויף אן ערפאהרענעם אופן.

פירסט ליובאמירסקי, דער פוילישער אמבאסאדאר אין אמעריקע האט באוויזען, אז ניט נור ווייסט ער ווי אזוי צו באנוצען דיפלאמאטישע שטוקעס. נאר די תירוצים קומען אויך ארויס ביי איהם גלאטיג, ווי פון א דורכגעטריבענעם דיפלאמאט.

אין אמעריקע האט זיך אנגעהויבען א אידישע פראטעסט־באוועגונג געגען פוילען. דאס קען נאך שאדען צו א פוילישער הלואה. לאזט מען רופען דער אידישער פראטעסט־קאנפערענץ. אז מען וויל האבען א באראטונג, און אזוי ווי מיר זיינען שטענדיג רודפי שלום־ניקעס, כאפען מיר זיך אין דעם אן. מען קומט זיך צוזאמען, מען מאכט אויך א וואונק פונ'ם „אויף" גאנץ געהיים. אזוי קוקט עס אויס לייטישער און שעהנער. און שפעטער דערהויסט מען זיך, אז יא, עפעס איז געוועזען. אבער ליובאמירסקי זאגט אז מען קען פוילען ניט האלטען פאראנטווארטליך פאר פאגרעם, ווייל עס איז מלחמה צייט, און זיין עקסעלענץ שטימט איין איבערצושיקען די רעזאלוציעס צו זיין רעגירונג.

פוילען און איהרע פארטרעטער האבען באוויזען, אז זיי האבען פיעל אויסגעלערנט די קונסט פון דיפלאמאטיע, אונזערע אייגענע אבער [illegible] ארויסגעצייגט, אז מיר האבען נאך פיעל צו לערנען, און אפטמאהל [illegible] די, וועמען עס איז לייכט אין זאק ארייינצונארען.

די איצטיגע לאגע אין פאלעסטינא

א באריכט צו דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע

נישט אין יאהר, נאר א סך יאהרען וועט זיך נאך די אידישע באפעלקערונג אין פאלעסטינא נויטיגען אין דער הילף פון דרויסען, און באזונדערס פון אמעריקא. און עס איז אויך נישטא קיין האפנונג, אז די הילף זאל אין קורצען קענען פארקלענערט ווערען.

דאס איז דער סך־הכל פון א קורצע, אבער זעהר זאכליכע און אינטערעסאנטע באריכט וועגען דער איצטיגער לאגע אין פאלעסטינא און די עקאנאמישע אויסזיכטען דארטען פון דער אידישער באפעלקערונג פאר דער נאהענטער צוקונפט, וואס דער דירעקטאר פון דער הילפס־ארבייט אין פאלעסטינא, דר. דוד דע סאלא פול, האט נאר וואס צוגעשיקט צו דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע.

דער פאליטישער ענטוזיאזם צוליב דעם סאן רעמא דעקלאראציע — זאגט דער באריכט — ווי אויך די באשטימונג פון סער הערבערט סעמועל אלס הויך־קאמישאנער פון פאלעסטינא, האבען אפשר געשאפען דעם איינדרוק, אז משיח'ס צייטען זיינען שוין געקומען פאר'ן לאנד. עס איז דעריבער איצט באזונדערס נויטיג צו געבען א באשרייבונג פון דער פאקטישער לאגע ביי היינטיגען טאג.

* * *

די דריי עלעמענטען פון דער אידישער באפעלקערונג.

די אידען פון פאלעסטינא קענען איינגעטיילט ווערען אויף פארשיעדענע אופנים, אבער אין דעם פאל, לאמיר אויסלאזען דעם אונטערשייד צווישען די ספרדים, אשכנזים א. א. וו. אדער צווישען די לינקע און רעכטע עלעמענטען און זייערע פארטייען און גרופען די איינטיילונג, וועלכע איז נויטיג קלאר צו מאכען די עקאנאמישע לאגע פון די אידען, איז פאלגענדע:

1. דער אלטער ישוב.
2. דער נייער ישוב אין די שטעט.
3. דער נייער ישוב אין די קאלאניעס.

1. דער אלטער ישוב באשטעהט מעהרסטענס פון עקאנאמיש־אונפראדוקטיווע עלעמענטען. צו דעם דאזיגען טיפ געהערט דער גרעסטער טייל פון דער אידישער באפעלקערונג אין ירושלים און כמעט די גאנצע באפעלקערונג פון חברון, טבריה און צפת. דער שארפסטער ביישפיעל פון דעם טיפ איז דער ישיבה־בחור און ארום זיי דרעהען זיך הונדערטער וואס האבען אבסאלוט קיין בארעכטיגונג ניט פאר דעם לעבען אויף'ן חשבון פון אנדערע. די גאנצע גרופע איז שטענדיג אויפגעהאלטען געווארען אויף די ביישטייערונגען פון דעם וועלט־אידענטום, און איצט, אויב אפילו זייער צאהל זאל באגרענעצט ווערען בלויז מיט יענע ישיבה־בחורים און רבנים וועלכע זיינען נויטיג, וועלען זיי אויך מוזען אויפגעהאלטען ווערען פון אמעריקאנער אידען.

א צווייטע גרופע פון דעם זעלבען קלאס זיינען די וועניגער געלערענטע פון אלטען ישוב. זיי יובען צו פארדינען זייער לעבענסמיטעל אויף די אויסערגעוועהנליכסטע אופנים. אן אינטערעסאנטער ביישפיעל פון דעם זיינען מענשען וואס געבען די וואס קומען צו א יונג פאר'ל באלד נאך דער חתונה און שלאגען זיך באצייטענס אן אלס עדות אין פאל אז דאס יונגע פאר'ל וועט זיך דארפען גט'ן. אנדערע פרובירען זיך צו פארנעהמען מיט קרעמעריי און קליינעם האנדעל, אבער יעדער שטעטעל אין פאלעסטינא האט מעהר קרעמער, ווי עס קען אויסהאלטען. קיין אינדוסטריען זיינען נישטא, און יעדער איינער, וואס האט נאר געקענט צונויפשפארען עטליכע גראשען, האט זיך געעפענט א קליין קרעמעל, און אין די דאזיגע קרעמלאך זיצט מען אפט גאנצע טעג צו פארדינען פינף אדער צעהן פיאסטער א טאג. אנדערע פון דעם מין האבען זיך גענומען צו מלאכות צו וועלכע זיי טויגען אין גאנצען נישט. זיי זעצען זיך אוועק מאכען שיך, נישט קענענדיג אפילו לייגען א לאטע, אדער זיי ווערען זייגערמאכער, נישט וויסענדיג ווי אזוי א שרייפעל געהערט. דאס זעלבע טוען אויך פרויען אננעהמענדיג ארבייטען, צו וועלכע זיי טויגען זיך נישט. זיי נעהמען זיך אונטער צו זיין וועשעריניס, וויסענדיג אזוי וועניג וועגען וואשען, אז אנשטאט ארויסצונעמען פארשטארקען זיי נאר די פלעקען און גיבען זיך אן עצה איינצושרימפען קליידער, וועלכע עס איז באמת שווער איינצושרימפען. זיי נעהמען זיך אונטער צו נייהען קליידער, ווען זיי ווייסען אפילו נישט, ווי מען פאסט אריין אן ארבעל. פארשטעהט זיך, אז זיי נעהען אן מיט זייערע "קונצטשטיקלעך", אזוי לאנג ביז וואנען מען דערזעהט דעם ווערט פון זייער ארבייט, און דאן בלייבען זיי ווידער מיט גארנישט.

2. דער נייער שטעטישער ישוב געפינט זיך מעהרסטענטיילס אין יפו און חיפה, און א קלענערער טייל פון איהם איז אין ירושלים. דאס איז אן עלעמענט, וואס קען זיך אלעמאל אליין אויפהאלטען, אבער איצט איז ער אונגעפעהיג דערויף צוליב באדינגונגען, וואס וועלען ווייטער ערקלערט ווערען. אויך אין נארמאלע צייטען געניסט דער דאזיגער ישוב פון דער ארבייט, וואס די ציוניסטישע קאמיסיע טוט. ווי צום ביישפיעל: פרייע שולען פאר די קינדער, פאר וועלכע מען דארף קיין שטייערן ניט צאהלען; הלוואות פון דער ציוניסטישער קאמיסיע פון דער יק"א א. א. וו. אזוי אז די עקאנאמישע זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם קלאס איז א סך גרעסער פון אויבען אויף, ווי אין דער אמת'ן. און ווען מען זאל דעם שטאטישען ישוב ביי היינטיגען טאג אפשניידען פון יעדער שטיצע פון דרויסען, איז א גרויסער צווייפעל, אויב ער וועט זיך קענען אליין אויפהאלטען צוליב דער איצטיגער לאגע אין פאלעסטינא. צו דער זעלבער צייט איז דאס דער קלאס, וואס ווענדעט זיך אם וועניגסטענס נאך שטיצע פון די הילפס־געלדער.

3. וואס איז אמת וועגען דעם שטאטישען ישוב, איז אויך אמת וועגען די קאלאניסטען, בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואס די קאלאניעס זיינען פון אנהויב אן פינאנסירט געווארען פון דער יק"א, פון די רוסישע חובבי ציון, פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און זיי זיינען מעהר אפהענגיג פון הלואות, ווי די אינדוסטריעלע איינוואוינער פון די שטעט. אויסער דעם האבען די קאלאניעס געליטען פון דער מלחמה פיעל מעהר ווי די שטעט, ווייל מען האט ביי זיי צוגענומען די בהמות און פראדוקטען און דאן האט די מלחמה צוגענומען זייערע ארבייטער אין דער ארמיי און אפגעשניטען זיי פון דער וועלט, וואו זיי האבען געקענט פארקויפען זייערע פראדוקטען. דאס פיהלט זיך איצט באזונדערס שטארק און די קאלאניעס זיינען איצטער נאך מעהר פארשולדיגט און דארפען צאהלען פיעל העכער פראצענטען, ווי ווען עס איז.

* * *

יתומים און קראנקע.

עס מוז אויך צוגעגעבען ווערען א ווארט וועגען די קינדער. פאלעסטינא האט פיעל טויזענט יתומים אונטער 14 יאהר, וועלכע ווערען אויסגעהאלטען פון די הילפס־געלדער. ווען די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט אנגעהויבען איהר ארבייט, זיינען דאס געווען קינדער פון דער גאס, הונגעריגע, נאקעטע, שמוציגע, אהן קיין קאנטראל איבער זיך. איצט האט דער יתומים דעפארטמענט פון דער קאמיטע געמאכט פון זיי קינדער ריינע, באקליידעטע, מיט א דאך איבער'ן קאפ. זייער לאגע איז נאך ניט גלענצענד, ווייל פאר דער שטיצע, וואס ווערט געגעבען זיי אויפצוהאלטען, קריגען זיי נאר די נויטיגסטע שפייז. אבער אלענפאלס זעהען זיי נישט ערגער אויס ווי די טויזענטער קינדער, וואס ערציהען זיך ביי זייערע עלטערן, און אפשר פיעל בעסער. זיי זענען וועניגסטענס אנגעטון און ריין אין דער צייט, ווען די קינדער אין די פאמיליעס, געהען אפט ארום אין שמאטעס מיט נישט קיין ריינע קעפ.

אנ'אנדער קאטעגאריע, וועלכע מוז זיך בסדר שטיצען אויף די הילפס־געלדער, זיינען די קראנקע. די מאלאריע פיהלט זיך פון איין עק לאנד ביז'ן אנדערען. די קראנקהייט פארקלענערט אויך א גרויסער צאהל די ארבייטס־פעהיגע באפעלקערונג פון לאנד און פארגרעסערט די צאהל פון יענע, וואס זיינען אנגעוויזען אויף שטיצע. דאס זעלבע איז מיט אויגען־קראנקהייטען. די דאקטוירים, וואס באהאנדלען די אויגען קראנקע, אז די קראנקהייט נעהמט זיך ביי זיי מעהרסטענס פון הונגערן. און דאן מוז מען אויך נישט פארגעסען וועגען דער ווירקונג, וואס די מלחמה און די אונזיכערקייט מיט יעדען טאג, האט אויף די נערוען פון דער אויסגעמאטערטער און אויסגעהונגערטער באפעלקערונג.

* * *

דער ארבייטס־מארק און דער געלד־מארק.

אט די אלע קלאסען מענשען, וועלכע זיינען דא אין קורצען אויסגערעכענט געווארען, וואלטען אין אמעריקא אדער אין קאנאדע שנעל איבערגעקומען די פערזענליכע מניעות און וואלטען זיך ווי עס איז ארייינגעפאסט אין אלגעמיינעם עקאנאמישען לעבען. אבער אין פאלעסטינא קען דאס אזוי לייכט נישט פארקומען, און דער פראצעס פון זו'ער עקאנאמישען איינריכטען זיך דארף דויערען יאהרען. איינע פון די הויפט־סבות, וועלכע שטערט די אידישע באפעלקערונג עקאנאמיש זיך צו ענטוויקלען, איז די שכנ'שאפט פון די אראבער. די פאמיליע פון אראבישען ארבייטער קען זיך צופרידען שטעלען מיט דעם מינימום פון קליידונג, שפייז און וואוינונג, זיי פארלאנגען אזוי וועניג, אז דער אידישער ארבייטער און קרעמער קענען בשום אופן נישט קאנקורירען מיט זיי. אויב דער אידישער ארבייטער דארף האבען דאס מינדעסטע פון צוואנציג ביז פינף און צוואנציג פיאסטער א טאג אויף זיין אויסקומעניש, קען זיך דער אראבער באגעהן מיט צעהן אדער צוועלף פיאסטער, אויב נישט נאך וועניגער. די קאנקורענץ מוז דעריבער אנגעהן איבער דער גאנצער לענג פון עקאנאמישען לעבען אין פאלעסטינא, און אפילו אידישע בעלי־בתים, אויב זיי ווילען זיך אויפהאלטען, זיינען געצוואונגען צו נעהמען אראבישע ארבייטער, וואס עס איז אן אמת'ער אומגליק פאר די אידישע ארבייטסלאזע.

א צווייטער אומגליק, די אורזאכען פון וועלכען עס זיינען ווידער אמאל די אראבער, איז דער מאנגעל פון געלד אין לאנד. און די עגיפטישע וואליוטע, וואס איז איינגעפיהרט געווארען. די געלד־סיסטעם, וואס איז איצט איינגעפיהרט געווארען — איז די עגיפטישע מיט'ן "פונט" אלס די הויפט־מטבעה. די קלענסטע מטבע אין דער סיסטעם איז דער פיאסטער, וואס באטרעפט אויף אונזער געלד פינף סענט, און דאן געהען מטבעות צו עטליכע פיאסטער. אזא סיסטעם איז גוט פאר דעם רייכען עגיפטען, אבער די ארימע פאלעסטינא קען זיך ניט אן עצה געבען. ווען זי דארף פאר דער קלענסטער זאך צאהלען פינף אדער צעהן סענט און עס זיינען נישטא קיין מטבעות, מיט וועלכע מען זאל קענען צאהלען זעקס, זיבען אכט אדער ניין סענט פארשטעהט זיך, אז דאס מאכט נאך גרעסער די הויכע פרייזען אויף לעבענס מיטלען, וואס זיינען אזוי אויך גענוג גרויס.

דאן פעהלט פשוט אויס קליינגעלד און מען דארף צאהלען געלד פאר אויסביטען דעם פונט אויף קלענערע מטבעות. די הויפט־סבה דערפון איז, וואס די אראבער האבען נישט קיין צוטרוי אין פאפיר־געלד און האבען ארייינגעכאפט דאס גאנצע גאלד און זילבער פון לאנד. פאר די אנדערטהאלבען יאהר, וואס ער איז אין פאלעסטינא — זאגט דר. פול — האט ער נאך קיין גאלדשטיק נישט געזעהן. די אראבער זיינען די, וואס ברענגען אויף'ן מארק אלע שפייז־פראדוקטען, און פארשטעהט זיך, אז דאס גאנצע געלד קומט ענדליך אריין צו זיי אין די הענט. און אזוי שנעל ווי זיי קריגען דאס געלט אהיין, לאזען זיי עס שוין צוריק נישט ארויס און מען קען רעכענען, אז דאס געלט הערט אויף צו צירקולירען אויף'ן מארק. עס ווערט נישט ארייינגעלעגט אין קיין באנק, ווייל דער אראבער גלויבט זעהר וועניג אין בענק. דאס געלט ווערט באגראבען אין דער ערד, אין די ווענט פון די הייזער אדער אין אנדערע באהאלטענע פלעצער. אט דער פאקט האט זעהר פיעל צו זאגען וועגען די אורזאכען פון דער ארימקייט אין פאלעסטינא. אויסער דעם, וואס מען קען נאך דערווייל נישט אנהויבען צו האנדלען מיט ערד, איז אויך אונמעגליך ערשט צו קריגען קרעדיט אין פאלעסטינא, ווייל די שטארקסטע בענק זאגען זיך אפ צו געבען הלואות, און ווען נישט די קופה מלוה (לייה־קאסעס) וואס דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, וואל־ זענען געעפענט געווארען פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע וואס־ טען די ארימע נישט געקענט קריגען די קלענסטע הלואה.

צוליב דעם אלעם ווערט אויך קלאר פארוואס עס איז אזוי שווער צו קריגען ארבייט אין פאלעסטינא. דאס געלט איז פון מארק צוריקגעצויגען. קיין בוי־ארבייט געהט ערגעץ ניט אן. בוי־מאטעריאלען האלטען נאך אן די פרייזען פון דער מלחמה־צייט. קיין פארקעהר איז נישטא. אלע פאבריצירטע ארטיקלען מוזען ארייינגעבראכט ווערען פון אויסלאנד. שטייער פאר זאכען, וואס מען ברענגט אריין קיין פאלעסטינא, מוז מען צאהלען צוויי מאל: איינמאל אין עגיפטען און איינמאל אין פאלעסטינא. דער גרעסטער טייל פון דער באפעלקערונג איז ארים. און די וואס קענען עפעס אונטערנעהמען, זיינען פארשולדיגט און האבען קיין קרעדיט ניט. די קאנקורענץ פון די אראבער איז גרויס. קיין טוריסטען, וואס פלעגען ארייינברענגען א סך פרנסה, זיינען נישטא. דאס אלץ איז גענוג צו באווייזען, אז דער וועג, וואס פאלעסטינא דארף דורכמאכען פון א לאנד, וואס איז אין גאנצען אפהענגיג פון דער וועלט־אידענטום צו א לאנד, וואס קען זיך אליין אויפהאלטען, — אז דער וועג איז זעהר א לאנגער.

* * *

דער שטראם פון פליכטלינגע.

אלס שלוס צו דער גאנצער לאגע קומט נאך צו די פראבלעם פון די פליכטלינגע, וועלכע קומען אן קיין פאלעסטינא נאך אומבאשרייבליכע צרות און טרעפען אן די זעלבע הונגער־באדינגונגען, וואס אין פוילען, אוקראינא און גאליציען. קריגען פאר זיי ארבייט, אויף א נאטירליכען אופן איז אונמעגליך און די די ארבייט, מיט וועלכער מען וואלט די פארזארגט אויף א קינסטליכען אופן, וועט לאנג נישט אנהאלטען. די לאגע

פון די דאזיגע טויזענטער יונגעלייט, וועלכע זיינען געקומען מיט רואינירטע נערוועס נאך זייערע איבערלעבונגען אין מזרח־אייראפא, מאכט דעם אלגעמיינעם צושטאנד אין פאלעסטינא נאך קריטישער. ערשט מיט א פאר טעג צוריק (דער באריכט איז געשריבען אין סעפטעמבער) האט מען מיר געלאזט וויסען, אז צוועלף אידישע מיידלאך האבען זיך אפגעשמד'ט אין א מיסיאנערישער אינסטיטוציע. און פאר הונדערטער אזעלכע מיידלאך איז ווירקליך נישטא קיין אנדער אויסוועהל, ווי נאר דער שמד אדער די גאס.

מיר ווייסען דא זעהר גוט אז די לאגע אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער איז שרעקליך, און אז די שטיצע, וואס פאלעסטינא קריגט פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע איז זעהר באדייטענד אין פארגלייך מיט דעם וואס די קאמיטע גיט אין אנדערע לענדער, אבער דאס בילד, וואס איז דא געגעבען געווארען אין די ברייטסטע שטריכען, מיינט צו דערמאהנען די אמעריקאנער אידען, אז די אויסזיכטען פאר פאלעסטינא צו ווערען עקאנאמיש זעלבסטשטענדיג אין דער ניכער צוקונפט, זענען זעהר שוואך. און ביז דאס לאנד וועט קענען קומען צו זיך, וועט זיך עס מוזען אויפהאלטען אויף דער שטיצע פון דער אידישער וועלט. און באזונדערס פון די אידען אין אמעריקא.

א בריעף פון דער שווייץ

פון א. כ. ת. (פון "העולם")

ווען איך בין געקומען אהער אין פאריגען יאהר פון דעם אוקראינער גיהנום, האב איך מיר געטראכט, אז די אידען אין דיזען לאנד האבען קיין ידיעה ניט וועגען דעם, וואס טוט זיך אפ אין אוקראינע מיט זייערע אונגליקליכע ברידער. ווייל ווען זיי וואלטען עפעס געוואוסט וועגען דעם, וואלטען זיי דאך געוויס געקעהרט וועלטען און געארבייט מיט אלע כחות, אז די פאגראמען און די שחיטות אויף די דארטיגע אידישע באפעלקערונג זאלען אויפהערען: נאר צו מיין איבעראשונג, האב איך גאר שנעל אויסגעפונען, אז די שווייצארישע אידען זיינען גאנץ גוט אינפארמירט וועגען דער טראגעדיע פון דעם אוקראינישען אידענטום, און עס טוט זיי טאקע וועה דאס הארץ אויך (אזוי זאגען זיי). אי פארוואס שווייגען זיי? איז דער תירוץ, אז מען קען א וועלט ניט פארדאגה'ען...

שווייצאריע, די שעהנע, די רייצענדע, האט זיך פאר דער צייט פון מיין אבוועזענהייט פון דאנען ניט געענדערט. נאר די מענשען האבען זיך געענדערט. די הערצער זיינען דא הארט געווארען. דער קליינליכער עגאאיסטישער לעבען האט דא געוואונען די אויבערהאנט, און מענשען זיינען דא ארייינגעטאן אין מאכען געלד פון דער "וואליוטא" מעהר ווי אין אלץ אין דער וועלט.

אין פונדעסטוועגען — אידען בלייבען דאך אידען, אפילו אין דער שווייץ; דאס זעהט מען בעשיינפערליך אין דעם טאג פון יום־כפור. כמעט אלע שווייצארישע אידען האלטען אין דיזען טאג צוגעשלאסען זייערע געשעפטען און פארברינגען די צייט אין זייערע בתי־מדרשים און מערקווירדיג — אויך דא הערט מען רעדענדיג אויף רוסיש... דאס שמועסען געוועהנליך, צווישען זיך אידען וואס זיינען אנטלאפען אהער פון טיעף רוסלאנד, מסתמא ניט קיין באלשעוויקעס.

און די ארטאדאקסישע קאטאליקען זיינען נעבאך זעהר אונרוהיג צוליעב די "פרעמדע" אידען, וואס געפינען זיך דא איצט. "פרומע" קאטוילישע גלחים ווארפען ארויף אויף זייערע צוהערער א שרעק מיט דער פארזיכערונג, אז די פרעמדע אידען געהען פשוט איינשלינגען די קריסטליכע וועלט און דער עולם נעהמט אזעלכע פלוידערן גאר נאהענט צום הארצען.

און דער פראגער פראפעסאר מאסעל וועלכער האט דא, קענטיג, א היבשען איינפלוס, סטראשעט דא דעם פרומען קאטוילישען עולם מיט א נייער "אידישער געפאהר" — די געפאהר פון דער אידישער פרעטענזיע אויף ארץ־ישראל. אט דיזער פראפעסאר רעדט ניט אין דעם טאן פון א אידען־פיינד; פארקעהרט. ער זאגט, אז ער גלייבט אידען פונקט אזוי גוט ווי אנדערע פעלקער, און זיין געגנערשאפט פון ציוניזם שטאמט טאקע, זאגט ער, פון דעם וואס ער איז איבערצייגט, אז דיזע באוועגונג וועט טאן דעם גרעסטען שאדען די אידען; נאר עס פארשטעהט זיך, אז אלס פרומער קריסט קען ער אויך ניט פארשווייגען די "סכנה", וואס דער ציוניזם ברענגט פאר די קריסטען. מאסעלים רייד האבען דא געמאכט א גרויסען איינדרוק, ווייל ער ווערט דא געהאלטען פאר אן עקספערט אין פראגען פון נאהענטען מזרח, און עס מוז צוגעגעבען ווערען מיט באדויערן, אז אפילו אן אנצאהל פון די אידען אין דער שווייץ זיינען דורך איהם אויך געווארען געגנער צום ציוניזם. דיזע אנטי־ציוניסטען שטעלען זיך ניט ארויס אלס אסימילאטארען אדער אלס גלייכגילטיגע צום גורל פון דעם אידישען פאלק. זיי פארזיכערען זאגאר, אז זיי סימפאטיזירען גאר שטארק מיט דער אידעע פון א באזונדערען אייגענעם לאנד פאר די מיליאנען ליידענדע אידען, אבער אזא לאנד דארף זיין אין אנדערעס ווי פאלעסטינא.

די "געפאהר פון די פרעמדע" איבער וועלכען א סך שווייצארישע פאליטישענס ווערען ניט מיד רעדענדיג, איז דא נאך ניט געווארען קיין וויכטיגע "אישו". און די אורזאך פון דעם איז, ווייל די שווייץ איז שוין אזוי איינגעוואוינט צו ציהען פרנסה פון "פרעמדע", אז קיינע דרשות און אגיטאציע קענען פארלויפיג ניט באוועגען די בירגער צו פארשפארען די טויערען געגען די וואס קומען אהער פון אויסלאנד. דער פרעמדער אליין איז נאך איצט ניט טריף נאר צוליב דער גרויסער איבערקעהרעניש, וואס די מלחמה האט געבראכט אין אייראפא, זיינען א סך פון די פריהערע יחסנים־פרעמדע געווארען אויס יחוס. די רוסען צ. ב. ש., וועלכע פלעגען פאר דער מלחמה, ווען זייער רובל איז געשטאנען גאנץ הויך, איינגענומען ווערען דא מיט אפענע ארעמס, באקומען דא איצט א סך א קעלטערע אויפנאהמע; אבער דער רוס, וואס האט נאך איצט אויך גענוג מיט וואס צו ציהען פאר אלעס, פיהלט דא גאר וועניג גלות.

בכלל מוז געזאגט ווערען, אז די שווייצאריער זיינען געבליבען טריי צו זייער אלטער נאטור: ניט צו אינטערעסירען זיך מיט דער אפשטאמונג אדער מיט דער אמונה פון דעם פרעמדען; אמת, זיי פרעגען מאנכע מאל אויך שאלות, וואס האבען צו טאן מיט נאציאנאליטעט און גלויבען, דאס איז אבער ניט מעהר ווי אן אנשטעל. וואס זיי קימערט אויף אן אמת איז, צי דער פרעמדער האט די מטבעה. אויך די געשרייען וועגען דער געפאהר פון א באלשעוויסטישער איינדרינגונג מאכען דא ניט קיין באדייטענדען איינדרוק. עס פארשטעהט זיך, אז די היגע צייטונגען קענען דאך ניט אפשטעהן אין נאכגאנג פון צייטונגען אין אנדערע לענדער אין דעם פרט פון סענסאציעס וועגען "רויטע" און זיי קומען ארויס פון צייט צו צייט מיט א שטיקעל נייעס, אז די מייסטע באלשעוויקעס זיינען אידען, אדער אז טראצקי איז געקומען שטילערהייד אין דער שווייץ. דער עולם פארשטעהט אבער, אז דאס איז ניט מעהר ווי פון יוצא וועגען.

די "געפאהר", וואס שטעהט פאר דער שווייץ פון דער איינוואנדערונג פון פרעמדע בכלל איז שטארק פארגרעסערט געווארען פון א גרופע כלומרשט'דיגע סטאטיסטיקער און עקספערטען, וועלכע האבען פרובירט באווייזען, אז אויב דאס לאנד וועט ניט צומאכען א [illegible] איהרע טויערען, וועט עס ניט געדויערען לאנג ביז די מייסטע איינוואוינער, בשר'ע שווייצארער וועלען ארויסגעשטופט ווערען דורך די אנגעקומענע אויסלענדער. איניגע אזעלכע "עקספערטען" האבען זאגאר געבראכט "באווייזע", אז א פרייע איינוואנדערונג אין לאנד וועט פיהרען דערצו, אז אין איינע 70 יאהר וועט שוין פון די אמת'ע שווייצאריער קיין שפור ניט בלייבען, ווייל זיי וועלען אין גאנצען פארשלינגען ווערען פון די אויסלענדער. געגען דיזע "עקספערטען" זיינען אבער פאראן ערנסטע פאליטיקער, וועלכע צייגען פארקעהרט, אז דאס גליק פון דער שווייץ באשטעהט דוקא אין א פאליטיק פון אן איינוואנדערונג.

אבער ווי די זאך זאל ניט זיין, דער עיקר איז, אז פאר די אויסוואנדערענדע אידען פון מזרח־אייראפא, איז די שווייץ ניט קיין פלאץ, אפילו פאר יונגע אויסלענדישע אידען, וואס ווילען שטודירען, איז שוין אויך די שווייץ ניט מעהר די זעלבע "היים", ווי זי איז געוועזען פאר זיי אמאל. וואו זיינען אהינגעקומען די צאהלרייכע אידישע סטודענטען, וואס האבען זיך דא געפונען שטענדיג אין די פריהערע יאהרען? די מייסטע פון זיי זיינען זיך שוין צופאהרען אין אלע זייטען, און די וואס זיינען נאך דא געבליבען, זעהען אויס פשוט פון הונגער און ווארטען נאר אויף די ערשטע בעסטע געלעגענהייט [illegible] וועלען אויך קענען אנטלויפען.

די לאגע פון די אידען אין גרויס רומעניען

(אן אינטערוויו מיט דר. מאקס דיאמאנד)

דעם וויענער קארעספאנדענט פון דער אידישער קארעספאנדענץ ביוראָ האט געהאט אן אינטערוויו מיט דר. מאקס דיאמאנד, פארטרעטער פון בוקאווינער אידען ביים קאמיטעט פון די אידישע דעלעגאציעס אין פאריז און מיטגליעד פון פרעזידיום פון אידישען נאציאנאל ראט אין דער בוקאווינע.

דר. דיאמאנד וועלכער איז אנגעקומען פון טשערנאוויץ קיין וויען לייקענט אב די שמועה אז באלד דארף זיך עפענען א אידישער קאנגרעס אין גרויס רומעניען. דאס איז שוין דאדורך ניט מעגליך, ווייל די פארבארייטונגען צו אן אלגעמיינעם אידישען צוזאמענפאהר אין גרויס רומעניען וואלטען געמוזט געדויערען אפשר צוויי יאהר. דאס אלט רומעניש אידענטום האט נאך ניט קיין באשטימטע פארטיי גרופירונגען מיט פעסטע און קלארע פראגראמען. ערשט אצינד הויבען זיך פאמעליך אן די קלענערע פאראיינינגונגען צונויפצושליסען ארום א באשטימטען ציעל. מען דארף געדענקען אז אויך די קריסטליכע פאליטישע פארטייען פון אלטרומעניען זיינען אהן א פראגראם, זיי גרופירען זיך בלויז ארום עטליכע פאליטישע פערזענליכקייטען.

אין זיבענבירגען אין די אידישע פאליטישע ארגאניזאציאנס ארבייט נאך שווערער, ווייל דארט זיינען די רומעניער אליין אין א שווערער סיטואציע אין א שטאטסליך פאליטישען זינן. מחמת דעם טארען זיך לע"ע אויך די אידען ניט פארלאזען אויף א באשטימטער פאליטישער אריענטירונג ווייל זיי מוזען זיך אין א געוויסער מאס רעכענען מיט די שטימונגען פון דער היימישער באפעלקערונג. פונקט אזוי שווער איז עס פאר די זיבענבירגער אידען צו ענטשיידען זיך פאר אדער געגען דער בוקארעשטער רעגירונג. דארום קאנצענטרירט זיך לעת עתה די גאנצע אידישע ארבייט אין זיבענבירגען אויף קולטורעלען געביעט. די זעלבע סיטואציע איז אויך אין געדיכטען אידישען צענטער פון מארמאראש.

אויך אין דער בוקאווינא קאנצענטרירט זיך די הויפט ארבייט אויף'ן געביעט פון קולטור און ספארט. קיין גיועס ווערט ניט געשאפען אויף'ן פאליטישען געביט. פיעל שטארקער איז די ארבייט פון די אידישע סאציאליסטישע פארטייען ווייל זיי האבען בעסער אויסגעבויטע ארגאניזאציעס און א דיסציפלינירטע אנהענגערשאפט. ליידער איז לעת עתה אין דער בוקאווינע ניט פאראן קיין מעגליכקייט פאר א צוזאמענארבייט צווישען די אידישע נאציאנאלע און סאציאליסטישע פארטייען. צום באדויערען מוז מען מודה זיין, אז אייניגע ציוניסטישע פיהרער זיינען אויך שולדיג אין דעם דאזיגען פערשארפטען קאנפליקט צווישען די אידישע נאציאנאליסטען און סאציאליסטען.

בנוגע דער נאציאנאלער אויטאנאמיע און דעם מינאריטעטען פארטראג, אונטערנעהמט אמת ניט די רומענישע רעגיערונג קיין שום אפענסיווע אקציע געגען די שוין פריהער ערוואָרבענע אידישע אויטאנאמע אינסטיטוציעס. זי מאכט זאנאר דעם אנשטעל, גלייך ווי זי וואלט רעספעקטירט דעם טראקטאט וועגען מינאריטעטען שוין. פאקטיש ווערען אבער די מינאריטעטענרעכט ניט אויסגעבויט און עס שטעהט גארניט, בכדי צו פארווירקליכען די רעכט אין געזעץ און אין לעבען. די רומענישע דיפלאמאטיע האט פארשטאנען אזוי צו פארטומלען דעם פעלקער בונד אז די אידישע באפעלקערונג פון גרויס רומעניען האט היינט ניט קיין שום פארטרויען אין א מינאריטעטען שוץ-געזעץ.

אין בעסאראביען האט זיך די לאגע פון די אידען נאך ניט איבעריג פארבעסערט. און ווען זיי זיינען דאך האלב-וועגס צופרידען מיט זייער גורל, איז עס נאר דאדורך וואס זיי זיינען די נאהענטסטע שכנים פון דער אוקראינע, וואו זיי הערען די פאגראם גוואלדען פון זייערע אונגליקליכע ברידער אויף יענער זייט דניסטער. דארט גיסט זיך יעדען טאג אידיש בלוט ווי וואסער און די פאגראם פליכטלינגע מאכען אזא שרעקליכען איינדרוק, אז אנקוקענדיג זיי און אויסהערענדיג זייערע שילדערונגען און איבערלעבענישען, קען מען משוגע ווערען פאר צער און שמערץ. איבער דער דאזיגער שרעקליכער מאטיראלאגיע פון די אוקראינישע אידען האט מען אין אייראפא נאך אלץ ניט קיין ריכטיגע פארשטעלונג.

אין רומענישען פארלאמענט, אין דער אדמיניסטראציע און אין עפענטליכען לעבען איז ניטא מעהר אזא אנטיסעמיטישע שטימונג ווי אין פריהערע צייטען. דער אפיציעלער אדער עפענטליכער אנטיסעמיטיזם איז אין א גרויסער מאס פארשוואונדען, ווייל אין רומעניען ווערט שוין היינט לגבי די אידען געפיהרט אזוי צוזאגען א געוויסע שטאטס פאליטיק.

אויך אין רומעניען הערשט צווישען דער אידישער יוגענד א שטארקער דראנג קיין ארץ ישראל. עס פאהרען אבער פארט לעת עתה נאך זעהר ווייניג יונגע לייט קיין פאלעסטינא, ווייל לעת עתה קענען זיי נאר פאהרען איבער וויען וואו די רייזע איז א זעהר לאנגע און א צו טייערע. דער וועג איבער קאנסטאנטינאפאל איז נאך ניט באנוצבאר מחמת אין קאנסטאנטינאפאל הערשען ליידער אזעלכע צושטענדע אז עס קומען אן פון דארט שרעקליכע התראות ניט צו פאהרען לעת עתה איבער קאנסטאנטינאפאל.

די געלד זאמלונגען פארן קרן היסוד ווערען פלייסיג געפיהרט.

ליסטען און גרוסען פאר לאנדס מאנשאפטען פון זייערע שטעט

(זיך צו ווענדען אין דעם לאנדסמאנשאפטען - דעפארטמענט פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, 1133 בראדוויי.)

אין דעם לאנדסמאנשאפטען דעפארטמענט, אין דעם אפיס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, 1133 בראדוויי, געפינען זיך יעצט פיעלע גרוסען און גאנצע ליסטען פון פיעלע שטעט, וועלכע האבען דא לאנדסמאנשאפטען - פאראיינען, און עס איז אונבאדינגט נייטיג, אז די פאראיינען, וועמעס שטעט עס ווערען אין דעם צעטעל דערמאהנט, זאלען זיך גלייך מעלדען נאך די גרוסען און ליסטען.

די ליסטען זיינען פון פאלגענדע שטעט:

סוויסלאץ (גראדנער גוב.), מיכאלישקי (ווילנער גוב.), בעליץ (ווילנער גוב.), דאלגינאווע (ווילנער גוב.), פלאצק (פוילען), קאליש, קיעלץ לאדז (פוילען), וויטעבסק, ראדוויליטשקי (קאוונער גוב.) ראסיין (קאוונער גוב.) זוואניצע (פאדאל. גוב.) זאמאבאוו (פאדאל. גוב) און שאטאווע (פאדאל. גוב).

פארלאג ,,אידיש״
201 East Broadway New York
קענעדער אפטיילונג
834 Cadieux Street Montreal
אין פארלאג אידיש ווערט איצט ארויסגעגעבען דאס גרויסע ווערק
פון אייזיק הירש ווייס
די גרינהעה און בויעה פון אידענטום
(דור דור ודורשיו)
2 סעריעס 5 בענד. — יעדער באנד פון די צוויי סעריעס וועט ענטהאלטען פון 380 ביז איבער 400 זייטען. גרויסער פארמאט, פראכטפול געבונדען.
פרייז פאר ביידע סעריעס — — — — — — — $16.50
פאר סופסקרייבער — — — — — — — — $11.00
אין דריי איינצאהלונגען
ביי יעדער איינצאהלונג באקומט דער סופסקרייבער א טייל פון די ביכער.
א קאטאלאג פון אלע אונזערע אויסגאבען און אויך פון די ביכער וואס געפינען זיך ביי אונז אויף'ן פארקויף ווערט פריי ארויסגעשיקט צו יעדען איינעם, וואס וויעט פארלאנגען.
טאראנטאר סופסקרייבער אויף י. ל. פרצ'עס ווערק קענען באקומען די דריטע סעריע ביכער ביז דעם 25-טען נאוועמבער אין 187 בעווערלי גאס, געגענאיבער פרץ שולע יעדען אווענט פון 6 ביז 8.30 ביי אונזער פארטרעטער, הער ש. שניידער, וועלכער געפינט זיך איצט אין טאראנטא. טעלעפאן קאלעדזש 338.
Canadian Branch Farlag „YIDDISH"
834 Cadieux Street - - - - Montreal

צרות פון די אידישע פליכטלינגע אין דייטשלאנד

פון ״הצופה״

כאטש דייטשלאנד איז באוואוסט אומעטום אלס דאס לאנד, וואו עס איז געבארען און פארשפרייט געווארען דער ווייסענשאפטליכער אנטיסעמיטיזם, פון דעסטוועגען ווערען אין איהם ניט באגאנגען קיין גראבע געוואלדטאטען געגען אידען. און דאס איז די אורזאכע פארוואס אידען פון מזרח - אייראפא קומען אהער אין מאסען. די צאהל פון אזעלכע אידען, וואס האבען זיך דא באזעצט אין די לעצטע פאר יאהר, מוז זיין זעהר גרויס. די פארמעגליכע צווישען זיי לעבען גאנץ בעקוועהם. ענטוועדער זיי האבען דא געעפענט א וועלכען עס איז געשעפט, אדער זיי לעבען פון דעם גרייטען געלד, וואס זיי האבען אהער מיטגעבראכט. אבער די לאגע פון די ארעמע איז שרעקליך. א סך פון זיי האבען געהאט, ארויספאהרענדיג פון זייער אלטער היים, א היבש ביסעל געלד, אדער ווערטפולע זאכען, נאר אויף'ן וועג האט מען עס ביי זיי צוגענומען, און זיי זיינען אנגעקומען אויף אזא אופן אהער ווי זיי שטעהען און געהען.

דיזע פליכטלינגע, וועלכע האבען געליטען אין לעצטע פינף יאהר פון דער מלחמה, אויסווייזונגע, פאגראמען און אנדערע צרות, ווילען לויפען וואו די אויגען וועלען זיי טראגען. אייניגע דענקען אריבערצוכאפען זיך ווי עס איז איבער'ן ים; אנדערע דענקען וועגען ארץ - ישראל און נאך אנדערע האבען נאך ניט אויסגעארבייט קיין פלענער, וואוהין זיי זאלען געהן. נאר זיי זיינען בערייט פונדעסטוועגען צו יעדער צייט צו נעהמען זיך פאר דעם וואנדער - שטעקען: נאר דערווייל זיצען זיי דא און גיבען מיט זייער אנוועזענהייט א געלעגענהייט פאר די אנטיסעמיטען צו שרייען, אז ״אידען מאכען חרוב דייטשלאנד״. די פליכטלינגע זיינען לויט דעם עדות - זאגען פון אינפארמיאישע בעאבאכטער, עהרליכע מענשען און זיי זיינען זעהר גערן צו מאכען א לעבען פון זייער ארבייט. עס קומט פאר א מאל, אז די נויט טרייבט איינעם פון זיי צו באגעהן א פארברעכען, אבער אזעלכע פעלע זיינען א זעלטענהייט.

די דייטשע אידען באציהען זיך צו דיזע אידישע פליכטלינגע מיט רחמנות. די קולות וועגען היטען זיך פאר די מזרח - אידען און האלטען זיך פון ווייטען פון זיי, וואס מען פלעגט הערען פאר דער מלחמה אזוי אפט אין דעם לאגער פון די דייטשע אסימילאטארס, הערט מען שוין איצט ניט מעהר. אן ארבייטס - ביורא איז געגרינדעט געווארען אין בערלין ספעציעל מיט'ן צוועק צו העלפען דיזע אונגליקליכע געפינען באשעפטיגונג און כאטש זי איז זעהר ענערגיש און זעהר איבערגעגעבען צו איהר אויפגאבע, קען זי דאך ווייניג אויפטאן ערשטענס, ווייל די אנטיסעמיטען שטעהען איין וועג, און צווייטענס, ווייל דער עקאנאמישער צושטאנד פון לאנד איז זעהר א געבראכענער, אזוי אז דער פארלאנג נאך ארבייטער איז דא זעהר קליין בכלל. אויסער דעם איז די צאהל פון גוטע ארבייטער צווישען די פליכטלינגע ניט בעדייטענד. די מייסטע פון זיי קענען דערפאר אין די קלענערע שטעט קיין באשעפטיגונג ניט געפונען און זיי ווערען אפגעשיקט פון די ארטיגע קאמיטעטען אין די גרויסע שטעט, נאר דא האבען זיי ווידער ניט וואס צו טאן. און אזוי דרעהען זיך די פליכטלינגע ארום פון איין ארט צום צווייטען כמעט אהן שום צוועק. די הילפס - ארבייט וואס איז אונטערגענומען געווארען צו גונסטען פון דיזע לייטע, פאדערט א סך ענערגיע און איבערגעבענהייט, און עס בלייבט צו האפען, אז אין דער צוקונפט וועט זי ברענגען בעסערע רעזולטאטען

די דייטשע רעגירונג האט זיך ביז איצט ניט געמישט אין די אנגעלעגענהייטען וועגען די פליכטלינגע און זי האט זיי געלאזען צורוה, נאר דא איז פארגעקומען די פאסירונג אין קאטאוויץ, וועלכע האט ארויסגערופען גרויס ערביטערונג אין דייטשען אידענטום. קאטאוויץ איז א שטעטעל אין אובער - שלעזיען, וועלכע געהערט צו דייטשלאנד, נאר לויט דעם שלום - אפמאך פון ווערסייל האט די באפעלקערונג באקומען דאס רעכט צו באשליסען דורך א מאיאריטעט צי די געגענד זאל בלייבען אויך ווייטער אונטער דייטשער הערשאפט, אדער זאל איבערגעהן צו פוילען. צוליעב דעם פלעביסציט האבען זיך דא געפונען פארטרעטער פון די עלאיס, וואס האבען געדארפט אכטונג געבען, אז די פאלקס - אפשטימונג זאל צוגעהן ריכטיג, אהן שווינדעל. אזוי ווי די געגענד געפינט זיך ביים גרעניץ, זיינען דא אנגעלאפען א היבשע צאהל פליכטלינגע, פון וועלכע די מייסטע האבען זיך געקליבען צו עמיגרירען נאך אמעריקא, ארגענטינא אדער ארץ - ישראל. דער ארטיגער קאמיטעט האט זיי באזארגט מעהר אדער ווייניגער מיט וואוינונגען, ברויט און אנדערע באדערפנישען. צו ערשט האבען זיי גענעכטיגט אין שטאלען. נאכהער האט א בעקער אפגעגעבען פאר זיי זיין געביידע און עס זיינען אויך אויפגעשטעלט געווארען פאר זיי ביידאך.

דער פראנצויזישער גענעראל באניטאר, וועלכער איז דא געוועזען פראנקרייך'ס פארטרעטער האט געוואלט העלפען די פאליאקען אין זייער מלחמה געגען די רוסען און האט צוליעב דיזען צוועק פרובירט דורכצופיהרען דורך שלעזיען געווער און אמוניציע. דאס האט געמוזט געטאן ווערען שטילערהייד, אבער ווען די דייטשע ארבייטער האבען זיך דערוואוסט דערפון, האבען זיי געמאכט סטרייקס און געלעגט אויך אנדערע שטערונגען אין וועג, און האבען אזוי דרום ניט דערלאזען, אז דער פלאן זאל דורכגעפיהרט ווערען. עס זיינען פארגעקומען אויך אונרוהען און דערפאר האט ישער גענעראל בעפאהלען די דייטשע בעאמטע, אז זיי זאלען ארויסשיקען פון דער געגענד באפעהלען די דייטשע ער האט געהאט אויך אין זינען אז עס זאלען ארויסגעשיקט ווערען אין פוילען עטליכע הונדערט יונגע לייט, וואס האבען געזוכט אויסצודרעהען זיך פון מיליטער דיענסט. ווי די זאך זאל ניט זיין, די דייטשע בעאמטע האבען אויסגעפירט דעם בעפעהל, אויף אזא אופן, אז זיי האבען געכאפט נאר אידען, אלע אידישע היזער זיינען אויסגעזוכט געווארען און די איינוואוינער זיינען אפגעפיהרט געווארען צום גרעניץ, ווי געפאנגענע. צווישען די ארויסגעשיקטע האבען זיך געפונען אויך אזעלכע, וואס האבען דא געהאט שטענדיגע ארבייט און האבען פארדיענט ווי עס איז זייער חיונה: אנדערע האבען שוין דא געהאט געוואוינט צעהן יאהר. נאך אנדערע האבען געהאט ביי זיך וויזירטע פאספארטען און האבען זיך געקליבען צו פארלאזען גאר שנעל דאס לאנד, נאר קוים האבען די בעאמטע באקומען דאס רעכט ארויסצושיקען די פרעמדע, האבען זיי שוין ניט געמאכט קיין אונטערשייד צווישען די, וועלכע האבען געמוזט אויסגעוויזען ווערען און די, וועלכע האבען געמעגט בלייבען.

דיזע פאסירונג איז א וויכטיגע אן און פאר זיך, נאר דער עיקר סכנה איז דא וואס זי קען באנוצט ווערען אלס א פרעצעדענט אויף שפעטער. שלעזיען איז א וויכטיגער פלאץ פאר די, וואס אנטלויפען פון די פארשיעדענע צרות אין מזרח - אייראפא און הויפטזעכליך פאר די וואס ווילען פאהרען נאך ארץ־ישראל און אויב די ״פרעמדע״ זאלען קענען ארויסגעשיקט ווערען גלייך אהן שום צערעמאניעס, וועט די לאגע פון א סך אידישע עמיגראנטען ווערען זעהר שווער. אמת, אין זיבען טעג ארום נאך דער אויסוויזונג, האט דער דייטשער מיניסטעריום גע'פסקנ'עט, אז א טייל פון די פרעמדע זיינען ארויסגעשיקט געווארען אונגעזעצליך און ער האט אנגעזאגט, אז ווייטער זאל עס ניט פארקומען, אבער די ״קאטאוויץ־פאסירונג״ איז פארבליבען פונדעסטוועגען אלס א ווארנונג פאר די צוקונפט.

(״העולם״)

Go on a strike
I WON'T WASH!
©SM

א. ו. וו. וו. מיינט ,,אינדעפענדענט ווימען נואנט וואש״ אז עס קומט דער וואש-טאג סטרייק, נעהם צו צום טעלעפאן און רופט אונז אפ. מיר מאכען אייער וועש ריין און זויבער, בלויז פאר עטליכע סענט.
TORONTO WET WASH LAUNDRY Co. LTD.
1123 DUNDAS W. PARK 5280
(NEAR OSSINGTON)

ניט ווי פוטער אדער פעטס
MAZOLA
איז שטענדיג פריש ווערט קיינמאל טיבלע

ווי מען זאל מאכען א קאנאדישע עלים איילענד

פראפעסאר וו. דזש. סמיטה, וועלכער האט געמאכט א גרינדליכען שטודיום פון דער אימיגראציאנס - פראגע אויף'ן פארלאנג פון דער קאנאדער נאציאנאלער קאמיטע פאר גייסטיגע היגיענע, איז ארויסגעקומען מיט א פלאן אויפצובויען דא אן אימיגראציאנס - סטאנציע אויף'ן זעלבען אופן ווי אין עליס איילענד, ניו-יארק. א גאנצער סטאב פון בעאמטע, פסיכיאטארען אינדוסטריעלע אינספעקטארען און איבערזעצער זאלען זיך געפינען אויף דער סטאנציע וועלכע זאלען גרינדליך אונטערזוכען דעם אימיגראנט איידער מען ערלויבט איהם צו לאנדען.

צוויי עקזאמענס

דאס אי נאך אבער ניט גענוג, זאגט דער פראפעסאר. ,,די ערשטע ארבייט אין דעם אויסוואל פון דעם אימיגראנט דארף געטאן ווערען אין זיין היים - לאנד און ער דארף אונטערזוכט ווערען איידער ער זעצט זיך אויף'ן ״שיף״ ערקלעהרט פראפ. סמיטה.

דאס וואס די צוויי עקזאמענס, זיינען פארבינדען מיט גרויסע הוצאות איז א קלייניגקייט. עס איז א סך בעסער צו מאכען די הוצאות, זאגט דער פראפעסאר, איידער דערלאזען אז קראנקע, שוואכע מענשען זאלען דארפען דורכמאכען א שווערע ים-רייזע און נאכהער צוריקגעשיקט ווערען.

פראפעסאר סמיטה באזירט די נייטיגקייט פון זיינע פלענער אויף'ן גרונד פון זיינע אויספארשונגען. ער באהויפטעט אז די אימיגראציע קיין קאנאדא זעהר גרויס, אז די אימיגראנטען ליידען א גרעסערען פראצענט פון פארברעכער און שוואכזיניגע, און אז זיי ווערען ניט גערן קיין בירגער.

מזרחי אין ליטא אפיציעל אנערקענט.

דער מזרחי אין ליטא וועלכער האט אגב זעהר א גרויסען צאהל מיטגליעדער און טהעטיגע עסקנים איז לעצטענס אפיציעל אנערקענט געווארען פון דער ליטווישער מלוכה און וועט ווערען באזארגט פון דער מלוכה מיט אלע ארגאניזאציאנס רעכטע.

Ford
טורינג ראנעבאוט, פעדאן, קופע
קויפט אייער פארד קאר ביי
הערי טוג
טעלעפאן מיין 381.
לייכטע באדינגונגען

אן ערקלערונג
פון דער
דוואָרקין פירמא
אום צו באַרוהיגען אלע אונזערע פריינט און צאהלרייכע קאסטימער ווילען מיר מאכען פאלגענדע ערקלעהרונג וועגען דעם קלאנג וועגען ארעסט פון אונזער אייראפייאישען פארטרעטער
ה. דוואָרקין
אונזער ה. דווארקין האט ניט אנגעפיהרט קיין אונגעזעצליכע טעטיגקייט, פאר וועלכער ער זאל קענען ארעסטירט ווערען.
אונזער געשעפט ווערט געפיהרט אויף'ן ראיעלסטען אופן און מיר קענען עס איבערצייגען צו יעדען.
מיר ווייסען נאך ניט קיין פולע איינצעלהייטען וועגען זיין ארעסט אבער אין איינס זענען מיר זיכער, אז דאס איז א פארשווערונג, וועלכע עס האבען געמאכט געגען אונז מאנכע פון אונזערע שונאים וועלכע זענען פאראינטערעסירט אונז צו שעדיגען, און זוכען אונז צו באקעמפען מיט אלערליי בלבולים.
מיר האפען אבער, אז די בלבולים וועלען שנעל אויפגעדעקט ווערען, און ה. דווארקין וועט ווידער קענען פארזעצען זיין גוטע ארבייט פאר די פיעלע, וועלכע נייטיגען זיך אין דער הילף און זיכערקייט פון א ראיעלער געשעפטס פירמע.
ב. דוואָרקין
פון
דוואָרקין ברידער
525 דאנדעס סטריט וועסט
אונזערע ווארשעווער אפיס האט אונז שוין צוגעשיקט אלע רעסיטס פון די געלדער וואס ה. דווארקין האט מיטגענומען מיט זיך פאר פערזאנען ווען ער איז אפגעפאהרען קיין אייראפא
אלע קאנטראקטען וועלען פון אונז אויסגעפיהרט ווערען מיט דער שנעלסטער פינקטליכקייט

חי נייעס איבער
ער גאנצער וועלט

מעלבארן, איסטראליען
מזרחיסטיש געשטימט.

די אידען אין מעלבארן, איסטראליען, האבען זיך לעצטענס ארויסגעוויזען אז זיי זיינען מזרחיסטיש געשטימט און זיי האלטען אז ארץ ישראל דארף און מוז געבויט ווערען אינ'ם גייסט פון אונזער תורה און לויט די אלטע טראדיציעס פון אונזער פארגאנגענהייט.

איינער א באוואוסטער מר. ישראל כהן פארטרעטער פון די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט לעצטענס בעזוכט מעלבארן מיט דעם צוועק צו גרינדען דארט א ציוניסטישע ארגאניזאציע. די דארטיגע אידען, ניט וויסענדיג די איינזאבען פון מזרחי האבען דאך באמערקט אין מר. כהנ'ס רעדע אז ער האט עפעס וויכטיגעס אויסגעלאזט. זיי האבען געפיהלט און באמערקט אז אין זיין פול נאציאנאל געשטימטע רעדע האט ער אבער אויסגעלאזען די פראגע וועגען דאס איבערקטונג פון דאס יודענטום, דער רעליגיאן אין פארבינדונג מיט ארץ ישראל, און איהר אויפבויאונגס פראבלעמע. מר. כהנס רעדע האט אבער אלס רעזולטאט ארויסגערופען "א שארפען קריטיק ביי די יענע וועלכע האבען געני פארשטאנען זיין רעדע אין בעצוג צום מזרחי.

אין א עפענטליכען בריעף וועלכער עס איז נאכהער געדרוקט געווארען אין די דזשואיש הערא'לד" פון מעלבארן, ווערט צווישען אנדערעס געזאגט: "מר' כהן, דער פארטרעטער פון די ציוניסטען וועלכער איז צו אונז געקומען אפעלירען פארן ציוניסטישען אידעאל, האט ער טראץ זיינע אלע וויכטיגע אינפארמאציעס אויסגעלאזען די וויכטיגסטע, נעמליך איין וועלכע גרונד יסודות און פרינציפען וועט די ציוניסטישע ארגאניזאציע בויען ארץ ישראל? וועט די לאנד געבויט ווערען אין דעם גייסט פון דער תורה אדער סתם בויען א נאציאנאלע היים און מעהר ניט?"

"די צייט איז געקומען ווען די ציוניסטען, ביי וועמען די אידישע תורה איז טייער און הייליג מוזען זיך פאראייניגען. אויב די נייע אויפגעבויטע ארץ ישראל זאל זיין א אידישע ארץ ישראל, אין פולען זינען פון ווארט דאן מוז זי זיין א לאנד אין וועלכע דאס לעבענסקראפט און כח השפעה זאל זיין אונזער תורה און אלטע טראדיציעס.

יעדער אמת'ער איד מוז געבען זיין פולע שטיצע הילף און זיך ערנסט איבער געבען מיט לייב און לעבען צום מזרחי אידעאל."

דזשועלערי הענדלער און דזשועלערי סטארקיפערס אויפמערקזאם
זייט וויסען, אז איך

מ. העלער

האב זיך גענומען צו דער ארבייט, און בין ווילינג צו מאכען אלערליי דזשולערי דזשאבס פאר דער טרייד.

רופט מיך אדער זעהט זיך מיט מיר, ווען איהר דארפט מאכען אייערע דזשולערי דזשאבס, און איהר וועט זיין צופריעדען.

אלערליי רינגען, קלענערע אדער גרעסערע, געמאכט צום סייז.

מיין נייער אדרעס איז

251 Queen St. West

טעלעפאן אדלייד 3967

וויכטיגע באקאנטמאכונג

איך, אייער אלט באקאנטער בארבער

גדליה מיט'ז

לאז וויסען מיינע צאהלרייכע קאסטומערס. אז איך האב איבערגענומען דעם בארבער שאפ אין 531 דאנדעס סטריט וועסט און איך פארשפרעך אייך צו געבען די זעלבע גוטע בעהאנדלונג. אין ערשטע קלאס ארבייט גאראנטירט. איך האף איהר וועט מיך פאטראניזיען.

פארגעסט נישט.

גדליה מיט'ז 531 דאנדעס וועסט (לעבען דווארקינס)

איין מאהלצייט אין דער

אמעריקאן כשר רעסטאראן

198 קווין וועסט

איבערצייגט אייך אז די פרוי מוז ניט זיין קיין שקלאף פון קיטשען, אז די זעלבע מאכלים האבען גאר אן אנדער טעם אין

דער אמעריקאן כשר רעסטאראן!

און אז עסען און הנאה האבען געהען האנט אין האנט.

קומט אריין צו אונז.

דייוו טעקסיל מענעדזשער

קומט וויזיטע

ד. הימעלס

מאדערנסטע אייז-קרים פארלאר.

קארנער דאנדעס און קענזינגטאן עוו. דער שעהנסטער פלאץ אין אידישען קווארטאל פאר אייז־קרימס, קאלטע טרינקס, לאנטשעס, סיגארעטס און שאקאלאד.

קומט אריין אין דעם שעהנסטען פלאץ אין שטאדט. וואו מען באהאנדעלט אייך ארענטליך און שעהן.

האלט איהר ביי ארויסנעהמען א פאליסי?

אויב איהר שרייבט אונטער אייער נאמען צו אין אינשורענס פאליסי זעהט זיך מיט

שלמה האלפערין

דעפּיוטי - סופּערינטענדענט פון דער מעטראפאליטען לייף אינשורענס קאמפאני. עס וועט זיך אייך באצאהלען.

Office: 220 Yonge St.
Phone Adelaide 4788

Res. 208 Ontario St.
Phone Main 7138

HIPPODROME

די וואך פון 15-טען נאוועמבער.
אל. דזשעראס, רייען און רייען,
מארעי מיידלאך.

ספעשעל פיטשור בילד

ארליין פריטי אין "דער טאל פון צווייפעל".

ווערט געוויזען 1.20, 4.15, און 7.45
קארדאן און ווילארד, גרעי און גרעהעם
א פאלארד קאמעדיע.

באקאנטמאכונג

איך מאך באקאנט אלע מיינע קאסטומערס אז איך פארגרעסער מיינע ביזנעס. דעם 6-טען אקטאבער קענט איהר מיך געפינען אין מיין נייער וואוינונג

9 קענזינגטאן עוועניו
טעלעפאן קאלעדזש 6621

און וועל מאכען די זעלבע ארבייטען ווי שוין באקאנט, פארריכטען אלערליי גראמאפאנען, מאשינערי, סקיילס ריפיירד שלעסער און שליסלען. אלערליי בייבי קערעדזשעס אויך אנדערע ארטיקלען. צופרידענהייט גאראנטירט. אידישע און ענגלישע רעקארדס צו פארקויפען.

פ. שלייפער

שעכטערס

אפיס איז אפען יעדען טאג.
פון 9 ביז 9.
ריעל עסטייט, אינשורענס

מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, נעזעצליכע דאקומענטען און אויך גענעראל אגענטען פאר אלע אידישע צייטונגען. אין לאנדאן, ברענטפארד, סענט קעטהרינס, גאלף, דאנדאס און האמילטאן. אדווערטייזונגען פאר'ן "זשורנאל" ווערען אנגענומען לויט דעם אפיס פרייז.

אפיס 636 גארטאן סט. איסט, טעלעפאן גארפילד 127.

ה'יז 65 איסט אוו. נארטה. טעלעפאן רעג. 5589.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Licenses

נאכ'ן פארלאנג פון מיינע געוועזענע קאסטומער פארקויפט

דזשאו קראפיווקא

אלע סארטען גע־פיקעלטע פליישען ביי זיך אין הויז

איהר קענט באקומען ביי מיר אין הויז פרישען קארנביף יעדען טאג, אלערליי סארטען פלייש און ווארשט, פיקעלס פעפערלאך, זויערע טאמייטאס און אלץ וואס אייער הארץ גלוסט נאר אין דעליקאטעסען.

מיר נעהמען אויך אן ארדערס פאר חתונות, פארטיס און באנקעטען, און מיר גאראנטירען צופריעדענהייט.

דזשאו
(פון דער אייז קרים פארלאר)
574 דאנדעס סט. וועסט
טעלעפאן קאלעדזש 5757

א ספעשעל נייעס פאר קאנטרי לייט

דער אלטער אייערער בעוואוסטער ווארשט מאניפעקטשורער

א. דאלגין

לאזט אייך וויסען, אז פון היינט אן און ווייטער בין איך פארטיג צו דינען אלע מיינע אלטע געוועזענע און נייע קאסטימערס מיט גוטע און כשר'ע ריינע סחורה, ווי אויך ריכטיגע בעהאנדלונג. אלע סארטען געפיקעלטע, געסמוקטע פליישען און ווארשטען פון דער בעסטער לייו. מיין סחורה גאראנטירט מיין נאמען.

A. DOLGEN
671½ ריטשמאנד סטריט וועסט.
טעל. אר. 2658
13551—12—5

סעס'ס דזשולערי סטאר

פון 145½ קווין סטריט וועסט

מיר פארקויפען
אויס אונזער סטאק
ווייל מיר געהן
אין האלסייל ביזנעס

CASH OR CREDIT

אזוי פארקויפען מיר יעדען ארטיקעל פיעל ביליגער ווי אימער.

עקסטרא בארגיינס אין דיימאנדס, וואטשעס. נייע סטייל לייכטער אויסנאהם שעהן. קאט גלעס. פארשפעטיגט ניט און קומט גלייך.

אייער פריינט קעש
145½ קווין סט. וו. טעלעפאן ער. 3588

פעקאר און שולמאן

לאיערס

303 לעמסדאן בילדונג. טאראנטא.
6 עדלייד סטריט איסט קארנער יאנג סטריט.
טעלעפאן מיין 4359.

דזשיי ווי בראדי און קא.

באריסטער, סאליסטער, נאטערי און א. ז. וו.
אפיס אין 710-711 טעמפעל בילדינג. טעלעפאן עדעלייד 3086.

לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק

קאמישאנער פאר אלע פראווינצען פון קענעדע.

לאא אפיס 154 סימקאָ סטריט.
טעלעפאן עדלייד 1440
טעלעפאן עדלייד 1441
וואוינונג 453 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן קאלעדזש 4866

דר. א. ל. הימעלשטיין

דענטיסט

דאמיניאן באנק בילדינג קארנער מיקאל און דאנדעס סטריט. קאל. 6441.

דר. ה. דייווידסאן

דענטיסט.
אין דער נייער ראיעל בענק בילדינג
קארנער דאנדעס און טשעסטנאט טעלעפאן עדלייד 1789

דר. ב. ברענמאן

דענטיסט
בעסטע ארבייט פאר מעסיגע פרייזען.
544 קווין סטריט וועסט, איבער הופערס דראג סטאר, טאראנטא.

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטימערס

ארדערט קוילען יעצט און ווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווייל שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און דאצו וועט איהר נאך ניט קענען באקומען.

THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696

איטאן קאהל קא.

אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

טאראנטא כשר ווארשט און פיש סמאוקינג מאנופעקטשורינג

מיר מאכען באקאנט אז איהר קענט ביי אונז באקומען צו יעדער צייט געסמוקטע פישען, אויך מאכען מיר די בעסטע ווארשטען און פאסטראמא. מיר קויפען נאר כשר'ע פליישען פון די אידישע האלסיילער. די שטרענגסטע כשרות לויט דין אומשטענדען.

ארדערס ווערען פינקטליך דעליווערט. קאנטרי ארדערס דעליווערט פון א דאלאר און העכער.

גיט אונז א טרייעל און איהר וועט דאן בלייבען אונזער שטענדיגער קאסטומער.

משה דייוויס

266 פארלאמענט סט. טעל. מיין 909

קויפט אייערע קוילען פון

יאנעווער בראדערס

וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קוילען מיט ראזשערס פיקעס
268½ קווין סט. וועסט טעלעפאן עדעלייד 3766

דער זיכערער וועג צום ערפאלג?

Prof. "Michael Angelo"

זיכער! דער בעסטער וועג צו האבען ערפאלג איז אנפאנגען לערנען ביי א גוטען לעהרער. באטראכט דאס נאר גאנץ גוט! און קומט צו פראפעסאר מייקעל אנזשעלא נאך מוזיק לעסאנס פאר אייך אדער אייערע קינדער. איהר וועט אויסגעפינען אז מר. אנזשעלא'ס סיסטעמע און ערפאהרונג אין לערנען וויאלין, מאנדאלין, קארנעט, סאקסאפאן, אדער אירגענד וועלכען אנדערען אינסטרומענט וועט אייך פיהרען צו א זיכערען ערפאלג. מיין מאטא איז: „א גוטער מוזיקאלישער אנפאנג" און דאס איבעריגע איז לייכט. באדינגונגען זעהר מעסיגע.

סטודיא 450 ספעדיינע עוו. טעלעפאן קאל. 17

ווערט א לעזער פון אידישען זשורנאל

לעזט אייער טעגליכע צייטונג וועלכע באקאנט אייך מיט דעם וואס עס טוט זיך ארום אייך

לעזט יעדען פריהמארגען איבער די אידישע נייעסען פון דער גאנצער וועלט וואס ערשיינען אין „זשורנאל" מיט דריי טעג פריהער ווי אין אנדערע צייטונגען, אויך נייעס פון אייער אייגענער שטאדט און פון אנדערע קאנאדער שטעדט און שטעדטלאך ארום אייך, און פון איבער'ן גאנצען לאנד.

לעזט אין „אידישען זשורנאל" די וויכטיגסטע נייעס ארויסגענומען פון די פוילישע - אידישע צייטונגען וואו דער „זשורנאל" גיט איבער אלעס וואס עס פאסירט אויף יענער זייט ים, וואו איהר זענט אזוי שטארק פאר אינטערעסירט.

לעזט אונזערע נייעסען און פאסירונגען וואו איהר געפינט דאס אינטערעסאנטסטע וואס עס קומט פאר אויף דער גאנצער וועלט

לעזט אונזערע קארעספאנדענציעס פון פוילען, וועלכע ווערען ספעציעל געשריעבען פאר'ן „זשורנאל" וואו עס שפיגעלט זיך אפ דאס פוילישע אידישע לעבען.

לעזט יעדען מיטוואך אונזער פיטשור „די ביהנע" וואו איהר געפינט אלע מאל עטוואס נייעס וועגען טעאטער, ווי אויך וועגען דעם וואס מען שפיעלט אין אונזערע שטאדטישע טעאטערן.

לעזט דעם „זשורנאל" יעדען טאג. און זייט זיכער אז איהר לעזט קאנאדעס אידיש - נאציאנאלע צייטונג. וואס איז פאראינטערעסירט צו געבען איהרע לעזער אלעס וואס אין קאנאדע פאסירט.

ווערט א לעזער היינט
אויב איהר זייט עס נאך ניט

קליז חזן זלאדאוסקי



מיר מעשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלס מוהל

אלע עלטערען פון קינדער וועלען דעם נעהמען אין אכטענטראכט ווייל דאס איז זייער אייגענעם בענעפיט.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען צו זייערע שמחות.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1070.

ראנטירט די איינציגע אידישע
דאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אונטערנעמען צו
לערהאנה הויז,
קטארי, אפיסעס
און סטאר קלינינג
כמאל ארבייט צו
די בילינסטע פריי־
זען. מיר מאכען
קאנטראקטען מא־
נאטליך און יעהר־
ליך. 10 טעראלי
סטריט, טעלע־
פאן עדעל. 3087.
אנגרען און יום
טוב טעלעפא־
ן קאל. 5619.

NEW YORK WINDOW CLEA
COMPANY. 10 TERAULEY

אידר קויפט און ארטי־
על רעקלאמירט דעם
שען זשורנאל"